STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10151

MAYMONIDES

Moises Rubin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה רובין

מיימאָנידעס

רבי משה בן מיימון

זיין לעבן און שאפן

59144 9

בוענאָס איירעס

1935

MAIMONIDES (Rabí Moisés ben Maimón)
Su vida y su obra
por MOISES RUBIN
Buenos Aires 1935

Talleres Gráficos "CULTURA" — Sarmiento 2157, Buenos Aires.

פאָרוואָרט

דאָס דאָזיקע ביכל איז געווענדעט צום לייענער וואָס לייענט נאָר אידיש. די זעלבע אַרבעט איז שוין פריער דער־שינען אין העברעאיש; אַרויסגעבנדיק זי איצט אין אידיש, האָב איך אין זינען געהאַט דעם ברייטן אידיש־לייענענדיקן עולם, וועלכער וועט זיך דורך מיין באַשיידענער אַרבעט באַקענען מיטן לעבן און שאַפן פון דעם גרויסן אידישן דענקער און וויסנשאַפטס־מאַן, רבי משה בן מיימון, וועמעס אַכט הונדערטער יעריקער געבורטס־טאָג ווערט היינטיקס יאָר געפייערט איבער דער גאָרער וועלט.

כאָטש עס איז אַן אַרבעט מיט אַ וויסנשאַפטלעכן אינ־האַלט, האָב איך מיר אָבער געפליסט צו מאַכן זי וואָס מער פשוטער און פאַרשטענדלעכער. אויף ווי ווייט דאָס איז מיר געלונגען וועט דער לייענער זעלבסט אורטיילן.

בוענאָס איירעס, 1935.

59144 9

קאפיטל א.

דעם רמב"מ'ס געבורט

אינדערמיט פונם נײנטן יארהונדערט, צום פינפטן טויזנט נאך דער אידישער ערא, און אינדערמיט פון דעם עלפטן יארהונדערט פון דער קריסטלעכער צײטרעכענונג, האט זיך דאס אידנטום אנגעהויבן צו וואקלען, פארלירנדיק דעם זיכערן, פעסטן באדן אונטער זיך, און ס'איז געווארן אויסגעשטעלט צו א סכנה פון צעפאלנקייט. פארלאזט און וויסט זײנען געווארן די תורה-געצעלטן, וועלכע האבן זיך געפונען אין זיד-שפאניע; אין קארדאבא, גראנאדא, סעוויליע און אליסאנא זײנען די ישיבות, פון וועלכע דאס תורה-ליכט האט אפגעשײנט איבער אלע גלות-לענדער, פון דער צײט וואס די גאונים-עפאכע האט זיך געענדיקט — חרוב געווארן דורך די אלמוהאדען (א מאכמעדאנישע סעקטע) מיט זײערע בארבארישע און שרעקלעך אכזריותדיקע מושלים. אויף דער גאנצער טעריטאריע פונם מאכמעדאנישן שפאניע, האט קײן אידנס פוס אנדערש ניט געקאנט באטרעטן, ביז ער האט נישט ארויפגעצויגן אויף זיך די מאכמעדאנישע מאסקע. די הויפט-אידישע קהלה אין קריסטלעכן שפאניע, אין טאלעדא און אלע איבעריקע קהלות אין נארד-שפאניע, האבן קײן גרויסעם ניט געשאפן; זײ זײנען ניט געווען די תורה-אויטאריטעטן, וועלכע זאלן האבן דעם אײנפלוס איבער די אידן אין די גלות-לענדער; די אידישע קהלות אין דרום-פראנקרײך (פראוואנץ) זײנען געווען ערשט אין אנפאנג פון זײער בליען, די חכמי ישראל אין צפון-פראנקרײך, האבן זיך ניט פארפולקאמט אויף אלע געביטן פון חכמת היהדות; די אידן, ווידער, אין דײטשלאנד,

זיינען געווען פארשקלאפט צום גערמאניש-רוימישן קייזער און ניט געקענט אין זינען האבן צו פארטיפן זיך אין וועלכער ס׳איז וויסנשאפט. די אידן אין אנדערע אייראפעאישע לענדער, וואוינענדיק צווישן פעלקער וואס האבן זיך געפונען אין א פרימיטיוון צושטאנד, זיינען אויך געווען ווי זייערע שכנים.

אין יענער עפאכע איז געבוירן געווארן רבי משה בן מיימון (רמב״ם), דער גייסטיקער העלד, וועלכער האט מיט זיין תורה-ליכט און אלזייטיקע וויסנשאפט באלויכטן דאס גייסטיקע לעבן פונם אידישן פאלק אין זיין צייט, און דאס ליכט איז ניט פארלאשן געווארן; ביז היינטיקן טאג שיינט עס און באלויכט דאס גייסטיקע אידישע לעבן, עס ווארעמט און דערקוויקט, עס פינקעלט און גלאנצט, עס דערפרישט און דערמוטיקט. אכט הונדערט יאר זיינען שוין פאריבער פון דער צייט וואס דאס ליכט האט זיך צום ערשטן באוויזן, און אין א משך פון יארן האבן קנאים זיך אנגעשטרענגט דאס ליכט צו פארדונקלען און פארשאטענען, ס׳איז זיי אבער ניט געלונגען. דער שאטן איז פארשוואונדן און די ליכטיקייט איז ניט געמינערט געווארן.

רבי משה בן מיימון, אדער ווי ער האט זיך גערופן אין אראביש אבן עמראן מוזה בן מאימון עובד אלה, איז געבוירן געווארן פערצן טאג אין חודש ניסן, איינס אזייגער נאך האלבן טאג אין יאר תתצ״ה, דעם 30-טן מערץ 1135, אין דער שטאט קארדאבא.

זיין פאטער, רבי מיימון בן יוסף, איז געווען א תלמיד פון רבנו יוסף הלוי אבן מיגאש, און פון ניין דורות דיינים, איז ער אויך געווען דיין אין קארדאבא. חוץ דעם איז ער געווען אויך א אלוועלטלעכער וויסנשאפטסמאן, א גרויסער מאטעמאטיקער און אסטראנאם, געשריבן מערערע וויסנשאפטלעכע ביכער און זעלבסט-פארשטענדליך, אז ער האט זיך אויך אפגעגעבן מיט חכמת היהדות און אויך געשריבן אויף דעם געביט. ער, דער פאטער, איז געווארן דער לערער פון זיין זון, וועלכער האט ארויסגעוויזן זעלטענע פעאיקייטן. ער האט אין אים איינגעפלאנצט ליבע און דעם גרעסטן חשק צו אידישע און אלוועלטלעכע וויסנשאפט. ווען משה איז נאך גאר יונג געווען איז ער שוין געווען געצוואונגען צוזאמען מיט זיין

פֿאָטער און די גאַנצע פֿאַמיליע, צו פֿאַרלאָזן די שטאָט קאָרדאָבאַ און זיך לאָזן אין גלות גלייך מיט אַלע אידן וואָס האָבן געוואוינט אין דער דערמאנטער שטאָט און זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פֿון די אלמוהאדען, וועלכע האָבן געגעבן די איינוואוינער, סיי קריסטן און סיי אידן, דריי ברירות: טויט, שמד און גלות. אידן האָבן אויסדערוויילט דאָס לעצטע. וואו די פֿאַמיליע מיימון האָט זיך באַזעצט איז אויף ריכטיק ניט באַוואוסט. אַ טייל היסטאָריקער ווילן האָבן אַז זיי האָבן זיך צום ערשטן באַזעצט אין דער פּאָרט-שטאָט אלמעריא, וועלכע די קריסטן האָבן דעראָבערט מיט אַ יאָר צופֿאָר, איידער די פֿאנאטישע סעקטע אלמוהאדען האָבן איינגענומען קאָרדאָבאַ. און נאָכדעם ווען די שטאָט אלמעריא איז צוריק איבערגעגאַנגען צו די אלמוהאדען, איז ער אנטלאָפֿן קיין פֿעס. אַ טייל היסטאָריקער ווילן האָבן, אַז ער איז גלייך אנטלאָפֿן פֿון קאָרדאָבאַ קיין פֿעס, ווי עס וועט באשריבן ווערן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל. פֿון יענער צייט אָן, האָט די פֿאַמיליע אָנגעהויבן וואַנדערן פֿון לאַנד צו לאַנד און פֿון שטאָט צו שטאָט. און אין דעם גלות-פּעריאָד האָט ער געשריבן זיינע ספרים.

פֿונם פֿאָטער, ווי געזאָגט, האָט ער געלערנט די כתבי הקדש, תלמוד, און אלע אנדערע וויסנשאַפֿט און חכמת היהדות, אויך מאַטעמאַטיק, אלגעברא און אסטראָנאָמיע, און פֿון די אַראַבישע געלערנטע — נאַטור-געשיכטע און מעדיצין. אויסער די אַלע וויסנשאַפֿטן האָט ער אויך געלערנט טעאָלאָגישע פֿילאָזאָפֿיע. ער האָט זיך באַפֿריינדעט מיטן זון פֿונם גרויסן אַסטראָנאָם אבן אפלאה, פֿון סעווילע, געלערנט פֿילאָזאָפֿיע פֿון די תלמידים פֿונם באַרימטן פֿילאָזאָף, אבן באדזשא, און פֿונם וויזיר אבו בכר אבן זוהאר פֿון סעווילע. משה בן מיימון איז געוואָרן אַ מוסטער פֿאַר אַלע טיףֿ דענקנדע, אַלס אַזעלכער וואָס ליבט דעם אמת און פֿאַרהאַסט דאָס אָבערגלויבעריי.

איידער מיר וועלן זיך באַקענען מיט זיין וויסנשאַפֿטלעכן סיסטעם, וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף זיין כאַראַקטער, עקסטרעמער הומאַניזם און עקסטרעמע קנאית אין איינעם און דעמזעלבן גרויסן גאון. מיטן האַרצן, דער ליבלעכסטער, דער גוטהערציקסטער, דער

מיטליידנסטער און דער טאָלעראַנטעסטער. מיטן גערדאַנק, אָבער, דער אייפריקסטער, דער קנאַידיקער און עקשנותדיקער. ווען דאָס האַרץ האָט די שליטה, ווערן אַלע קנאַידיקע געדאַנקען פאַרשטיקט איינגאַנצן אין אים. ווען אָבער דער פילאָזאָפישער געדאַנק הויבט אָן צו הערשן, דאַן ווערן פאַרשוואונדן די אַלע הערצנס-גייסטיקע גוטע אייגנשאַפטן. אין זיינע בריוו אין וועלכע ער רעדט צום האַרצן און פונם האַרצן, איז ניט צו מערקן אַז פאַר אונז שטייט אַ פילאָזאָף, אַן עקסטרעמיסטישער קנאי. אונז דוכט זיך אַז אַ ליבהאַרציקער פאָטער רעדט מיט זיינע קינדער, מיט ליבהאַרציקע ווערטער, מיט רחמנותדיקע און מיטליידנדע געפילן.

ווען אַ גר האָט זיך געווענדעט צו אים מיט אַ פראַגע, אויב ער קאָן זאָגן אלהינו ואלהי אבותינו, דאַרט ווי זיינע עלטערן זיינען ניט געשטאַנען ביים באַרג סיני? וואָלט אַן אנדער חכם געוויס אין קורצן אים אָפגעפטר'ט: „זאָג, אָדער זאָג ניט". דער רמב"ם אָבער, ענטפערט אים אַזוי ליבלעך, אַזוי האַרציק, ווי אַ פאָטער צו זיינעם אַ בן יחיד: „ליב קינד, זאָרג זיך ניט וואָס דיינע עלטערן זיינען ניט געשטאַנען ביים באַרג סיני. איך, איך בין דיין פאָטער". ווען איינער א רב האָט פאַרשעמט זיין תלמיד, א גר, האָט ער אים געשריבן: „ביזטו שכור געווען, און פאַרגעסן אַז אין זעקס און דרייסיק ערטער האָט די תורה מזהיר געווען אויף אַ גר? האָסט פאַרגעסן אַז דער פשט פונם פסוק: „וגר לא תונה", מיינט מען זאָל אים ניט ערגערן מיט רייד?" און צו דעם באַליידיקטן גר שרייבט ער מיט אַ פול האַרץ, מיט ליבע טרייסט-ווערטער.

ביי זיין עקסטרעמע קנאות, איז אָבער ניט צו מערקן אַז ער זאָל ווענען ס'איז ווי טון. זיינע שאַרפע רייד זאָגט ער אַרויס נאָר ווסנדיק אַז זיינע שאַרפע ווערטער וועט זיי קיין שום שלעכטס ניט פאַרשאַפן און זיי וועלן דורך זיי ניט ליידן. צו די באַקאַנטע אָבער, איז ער פון די הנעלבים ואינם עולבים, ווי עס וועט אין אַ באַזונדער קאַפיטל באַשריבן ווערן. אויך די אומבאַקאַנטע גרייפט ער נאָר אָן שאַרף זייערע אידעען. דער כבוד פון יעדן, סיי אַ פריינט און סיי אַ שונא, איז ביי אים ליב און טייער.

קאַפּיטל ב.

דעם רמב״מ׳ס מײנונג װעגן מאַכמעדאַניזם און קראים

װען די אַראַבער האָבן שרעקלעך פֿאַרפֿאָלגט די אידן און זײ געדראָעט מיטן טױט, אױב זײ װעלן ניט אָננעמען די לערע פֿונם איסלאַם, װילן אַ טײל היסטאָריקער האָבן, אַז דער רמב״ם האָט אָנגענומען—למראית עין, דעם מאַכמעדאַנישן גלױבן, און ער װערט פֿאַררעכנט אַלס אַ אנוס. ס׳איז אָבער גאַנץ פֿאַלש. פֿיל היסטאָריקער האָבן מיט אונבאַשטרײטבאַרע ראיות אָפּגעלײקנט די דאָזיקע אָנ־דײטונג. דער גרעסטער באַװײז פֿון דער פֿאַלשקײט איז, װען דער רמב״ם זאָל װירקלעך געװען אָנגענומען למראית עין דעם מאַכמעדאַ־ניזם, װאָלטן זײנע קעגנער דעם חטא אים נישט געװען פֿאַרשװיגן. מיר װײסן דאָך, אַז דער רמב״ם האָט געהאַט פֿיל שונאים צװישן די אידישע געלערנטע, און זײ װאָלטן געזוכט דורך אַלערלײ בלבולים זײן נאָמען צו פֿאַרשװאַרצן און זיך נוקם זײן אין אים און אים אױס־װאַרפֿן זײן חטא. קײנער פֿון זײנע קעגנער האָט אים ניט פֿאַרגע־װאָרפֿן אַז ער האָט אַ קורצע צײט געלעבט אין מאַכמעדאַנישן גלױבן.

מיט זײן גאַנצער פֿאַרביטערטקײט קעגן די מאַכמעדאַנער, מיט דעם גאַנצן האַס קעגן זײ פֿאַר זײערע גרױזאַמע פֿאַרפֿאָלגונגען, פֿאַרטײדיקט ער זײ דאָך קעגן די װאָס זאָגן אַז זײ זײנען געצנ־דינער. אין „אגרת תימן״ װאָס ער שרײבט צו „הגר״ זאָגט ער: „די ישמעאלים זײנען בשום אופן ניט קײן געצנדינער, זײ האַלטן פֿון מאנאטעאיזם, און אין דעם זעלבן האָבן זײ קײן טעות ניט. און מיר האָבן ניט דאָס רעכט אָנצורופֿן זײ געצנדינער, צוליב דעם טעות װאָס זײ רעכענען מחמד׳ן פֿאַר גאָטס שליח״...

אויך צו די קראים (קאראאימער), וועלכע ער רופט אָן „ממרים" (ווידערשפעניקע) באַציט ער זיך מיט ליבע און הומאַני־טעט. „די קראים — שרייבט ער — וואָס וואוינען אין מצרים, אין דמשק, און אין אלע אנדערע לענדער אין טערקיי, האָבן דאָך ניט פאַרדינט, אַז מיר, תלמודיסטן, זאָלן זיי מבזה זיין. פאַרקערט, מיר דארפן זיך קעגן זיי פאַרנעמען מיט דער מדה פון ענוה, כל זמן זיי ווען זיך אויפפירן קעגן אונז מיט תמימות, און ניט באַליידיקן די הכמי הרבנים". (תשובת הרמב"ם, קס"ג). „די קינדער פון די תועים, פון די ערשטע קראים, וועלכע זיינען פון זיי פאַרפירט גע־וואָרן, זיינען גלייך ווי אַ „תנוק וואָס איז געפאַנגען געוואָרן פון עכו"ם, און זיי האָבן עס פארפירט"... און, ווען אויך זיי ווייסן אַז זיי שטאַמען פון תלמודיסטישע אידן, זיינען זיי דאָך פאַררעכנט פאַר אנוסים, און מיר דארפן זיך באַציען צו זיי פרידלעך, כדי מיר זאָלן זיי צוציען צו דער אמתער תורה". (יד החזקה, הלכות ממרים פ"ג).

דער רמב"ם, ווי געזאָגט, איז געווען אַ קנאי וואו מען האָט געדארפט זיין וואו ער האָט פאַרשטאַנען צו זיין. אויף די „מינים" זאָגט ער „מורידין ולא מעלין", דאָס הייסט, מיר קענען זיי שטירצן, אָבער ניט רעטן, און אויף די עכו"ם זאָגט ער: „לא מעלין ולא מורידין", ניט מיר דארפן זיי רעטן און ניט מיר דארפן זיי שטירצן. אָבער וועלכע רעכנט ער פאַר מינים און וועלכע פאַר עכו"ם? ניט די וואָס האָבן אים צרות פאַרשאַפט, צוזאמען מיט זיין פאָלק, רעכנט ער פאַר מינים און פאַר עכו"ם, ניט די קראים און ניט די מאַכמעדאנער ווערן פאַר אַזעלכע פאַררעכנט. קראים רופט ער אָן: „תולעת יעקב" און די מאַכמעדאנער, זאָגט ער, לייקענען דאָך אין „עבודה זרה", „און ווער עס לייקנט אין עבודה זרה, איז פאַר־רעכנט, ווי ער איז מודה, אין דער גאנצער תורה"... און וועמען האָט ער יאָ פאַררעכנט פאַר עכו"ם? די נוצרים, אָדער ווי ער רופט זיי אָן אדומים, און אזוי זאָגט ער: „אדומיים עכו"ם גמורים הם", די אדומי'טער זיינען דורכאויס עכו"ם. און דער דין איז געקומען ווייל ער האָט זיי ניט געקענט און ניט פאַרשטאַנען גוט. זיין פאַר־שטייען דאָס קריסטנטום איז געווען אַ אויבערפלעכלעכעס. וואָלט

ער עס געװען גוט שטודירט, װאָלט ער זיך מיט די װערטער ניט געװען אױסגעדריקט, װײל דער רמב״ם מיט זײן עצם מהות, האָט ניט געװאוסט פון רעליגיע־האַס. און װען די פילאָזאָפיע און די רעליגיע האָבן פון אים מערערע מאָל געפאָדערט ער זאָל זיך װעגן אנדערע גלױבנס אַרױסזאָגן, האָט ער זיך דערפון אָפּגעזאָגט. ער האָט די פילאָזאָפיע געװענדעט צו גאַנץ װײטע ביז גאָר אומבאַקאַנטע פעלקער, צו אַזעלכע װאָס ער האָט פאַרשטאַנען אַז ער װעט ניט קענען פײנט האָבן...

װיל מען װיסן אױף אַ בולטן אופן די אײגנשאַפט פונם רמב״ם, זאָל מען לײענען זײנע בריװ װאָס ער האָט געשריבן צו זײנע פרײנט און אױך צו זײנע שונאים. זײנע תלמידים, אַלע, װאו זײ האָבן זיך נאָר געפונען, האָט ער ליב געהאַט ממש װי אײגענע קינדער. אין זײנע בריװ צו זײ, איז ניט צו מערקן קײן געקינסטלקײט און קײן פאַרשטעלטע פאַלשקײט, אױסער אײניקע מליצה׳דיקע אױסדריקן אינם טיטול צו דעם װאָס ער האָט געשריבן (דאָס איז געװען דער „שטײער״ װאָס ער האָט צו יענער מליצה־דיקער צײט געצאָלט...). אַלעס װאָס איז פון אים צו זײ געשריבן געװאָרן איז געװען אױפריכטיק און האַרציק. ער האָט זיך תמיד געזאָרגט צו דערװיסן זיך פון זײער מאַטעריעלן און גײסטיקן שטאַנד, מיט דער גרעסטער פשטות׳דיקײט און נאַטירלעכקײט פון די װערטער.

ער האָט צו זײ מקיים געװען די מצוה פון „ואהבת לרעך כמוך״, ניט מליצה׳דיק נאָר מיטן אײנפאַכן און אמתן פשט פון „כמוך״... נישטאָ אין זײן שרײבן צו מערקן אַ — צוליב־העפלעכקײט און דרך ארץ... די זעלבע ליבע־פאַרהעלטעניש האָט זיך אױך אַרױסגעװיזן װען ער האָט געשריבן צו זײנע שונאים, און שונאים צוליב קנאה האָט ער ניט װײניק געהאַט... און אַזױ זעען מיר װי ער שרײבט צו אײנעם פון זײנע גרױסע שונאים און פאַרפאָלגער, צום דײן ר׳ פנחס פון אַלעקסאַנדריע. ער רעדט מיט אים ממש מיט דעם לשון װי מען רעדט צו אַ ליב קינד, װעלכעס האָט זיך פאַרנומען אומגערן אַלײן צו גײן אין א שלעכטן װעג... אָדער װאָס אַנדערע האָבן עס פאַרפירט. אין פאַרהעלטעניש צו זײנע שונאים, איז ער מקיים אין

פולן זינען דעם מאמר: „הנעלבים ואינם עולבים, שומעים חרפתם ואינם משיבים", „די פאַרשעמטע און ניט פאַרשעמער, זיי הערן זייער באַליידיקונג און ענטפערן ניט". „עושים מאהבה ושמחים ביסורים", „נעמען אַלץ אָן פאַר ליב און פרייען זיך מיט די יסורים". זיין קנאית האָט מיט פערזענלעכקייטן גאָרניט צו טון. די זון מיט איר ליכטיקייט האָט באַשטראַלט דעם רמב"מ'ס קאָפּ, און די שטראַלן האָבן זיך געוויזן מיט זייער ליכטיקן גלאַנץ אויף יעדן איינעם מיט וועלכן ער האָט זיך פאַרבונדן. — „מיר דאַרפן מוחל זיין — שרייבט ער — יעדן וואָס שאַפט אונז אומרעכט און בזיונות, וואָס ער טוט עס צוליב נאַרישקייט; איבערהויפּט צו דעם יעניקן, וועלכער האָט דערפון נוצן, און אונז ברענגט עס ניט קיין שאָדן... דאָס איז דאָך אין כלל פון „זה נהנה, וזה לא חסר", „דער האָט הנאה און דער צווייטער האָט ניט קיין שאָדן". *)

„אַלע באַליידיקונגען און לעסטערונגען פונם שונא, ברענגט אונז ניט — דאַנקען השם יתברך — דעם מינדעסטן שאָדן, און ווען אפילו איך זאָל דעם לעסטערער און באַליידיקער מיט מיינע אייגענע אויגן זען, מיט מיינע אייגענע אויערן הערן, און די שלעכטע מעשים קענען מיר אין זיין געגנוואַרט פילן, וואָלט מיך אויך ניט געאַרט, אדרבה, איך וואָלט זיך מכניע געווען, און אים מיט גוטן אָפּגעענטפערט, אָדער איך וואָלט אינגאַנצן אָפּגע-שוויגן". **)

„און בכלל בעט איך פון דיר — שרייבט ער צו איינעם פון זיינע תלמידים — אויב דו ביזט ווירקלעך מיין תלמיד, זאָלסטו האָבן די ווערט צו זיין אַזעלכער... זאָלסט גיין אין מיין דרך און אָננעמען מיינע מדות. און דאָס איז, זאָלסט פאַרשווייגן ווען מען וועט דיך באַליידיקן, און זיין פון די „נעלבים ואינם עולבים"... אָט דאָס איז אין קורצן דאָס גייסטיקע געשטאַלט, דער כאַראַק-טער-שטריך פון דעם גדול, וועלכן מיר פייערן דאָס יאָר זיין אכט-הונדערטן יובילעאום.

---

*) אַ בריוו צו ר' יוסף בן גאַרב פון באַגדאַד.

**) א בריוו צו ר' יוסף עקנין.

קאַפּיטל ג.

דער רמב״ם און אַריסטאָטעלעס

מיר װעלן זיך איצט צוריקקערן צו זײַן װיסנשאַפטלעכן סיסטעם. װי באַװאוסט האָט דער רמב״ם פיל אויסגענוצט די פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעלעס, װעלכער איז בײַ אים פאַררעכנט געװאָרן פאַר דעם גרעסטן בר סמכא.

ס׳איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דעם גרויסן פילאָזאָף, װעלכער איז געבוירן אין מאַצעדאָניע, אין דער שטאָט סטאַגירא, אין יאָר דרײַ הונדערט פיר און אכציק פאַר דער קריסטלעכער צײַטרעכענונג, און אויך מיט דער עפּאָכע, אין װעלכער ער האָט געלעבט און זײַן השפעה װאָס ער האָט געהאַט אויפן רמב״ם.

„די צוזאַמענשטויסונגען פון צװײ װעלטן, די גריכישע און די אידישע, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס אידנטום מיטן העלעניזם, איז ניט פאַריבער אויף ניט צו לאָזן א רושם אין דער מדרש-ליטעראַטור, אין װעלכער עס שפּיגלט זיך אָפּ דער געדאַנק צוזאַמען מיטן געפיל פון אידישן פאָלק, באַאײַנפלוסנדיק פון דער גרויסער גריכישער װעלט. עס האָבן אַרײַנגעדרונגען אין דער מדרש-ליטעראַטור נײַע גריכישע געדאַנקען, נײַע העלעניסטישע פּראָבלעמען, איבערהויפּט די געדאַנקען און פּראָבלעמען פון די גריכישע פילאָזאָפישע לערן, װאָס זײַנען געװען אָנגענעם און סימפּאַטיש צום אידישן גײַסט, װי צום בײַשפּיל די אידעען פון פּלאַטאָן, די מאָראַל פון די סטאָיקער, דער פײַניקונג-סיסטעם פון די נײַע פּעטאַגאָרינער און צום לעצט די פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעלעס״.

די אידישע געלערנטע האָבן זיך באַמיט צו מאַכן אַ פּשרה

צווישן די פרעמדע תורות און די פּאַטערלעכע טראַדיציעס. דער דרש: „יפיפותו של יפת באהלי שם“, „יפת׳עס שיינקייט אין שמ׳ס געצעלטן“, האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג בײַם אידישן פאָלק אויף צו פאַרווירקלעכט ווערן. דער העלעניסטישער שטראָם האָט שנעל אַריינגעשטראָמט צווישן די דרשנים (זעה: מגילה ט׳, ע״ב).

דער וויסנשאַפטסמאַן יעקב פרוידענטאל רופט אָן דאָס גאַנצע אגדה׳שעם מאַטעריאַל, — וואָס איז צעשפּרייט אין דער אידיש־העלעניסטישער ליטעראַטור — מיטן נאָמען „מדרש העלעניסטי“, דער העלעניסטישער מדרש, וואָס פילאָן דער אַלעקסאַנדרינער איז געווען זיין שאַפער.

מיט ניט ווייניק שטריכן גענומען פון דער פאַנטאַזיע, צייכנט דער מדרש דאָס שיינקייט פון אדם הראשון. אדם הראשון — זאָגט דער מדרש תנחומא — האָט זיך אויסגעצייכנט פון אַלע נאָכקומענדע, מיט זיין הויכקייט און געשטאַלטקייט. דער ילקוט האָט אָפּגעמאָסטן זיין הויך — זעלבסטפאַרשטענדלעך אויף אַלעגאַריש־גוזמא׳דיקערווייזע. זיין הויך — זאָגט דער ילקוט, — האָט געהאַלטן הונדערט אמה (ילקוט פרק י״ז). און אין דער אגדה פון תלמוד ווערט געזאָגט וועגן אדם׳ן: „אדם הראשון מסוף העולם עד סופו“, „אדם הראשון פאַרנעמט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער (חגיגה י״ב). און כמעט אויף דעם זעלבן אופן ווערט אדם געשילדערט אינם „מדרש העלעניסטי“.

— „גאָט האָט באַשאַפן אדם׳ן — זאָגט פילאָן — נאָך אַלע סימעטרישע געזעצן. געמאַכט אים אויסערגעוויינלעך שיין. דער מדרש זאָגט: „אַז גאָט האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט צוליב אדם׳ן, און דעריבער האָט ער אים באַשאפן צום לעצטן, כדי ער זאָל געפונען אַלעם צוגעגרייט פאַר אים, און ברענגט אַ משל פון אַ קעניג וועלכער האָט געמאַכט אַ סעודה פאַר הויכגעשטעלטע געסט, האָט ער צוערשט צוגעגרייט די סעודה, דערנאָך האָט ער זיי געלאַדן. מיט די זעלבע ווערטער דערקלערט פילאָן פאַר וואָס גאָט האָט באַשאַפן אדם׳ן צום לעצטן.

„גאָט האָט באַשאַפן אדם׳ן אַ צוויי געשטאַלטיקן. און באַ־

צײכנט די שאַפונג מיטן װאָרט „אַנדראָגינוס" (אַ זכר מיט אַ נקבה), און דער העלעניסט אַריסטאָפאַנעס זאָגט: „אַז צו אַלעם ערשטן איז דער מענטש באַשאַפן געװאָרן אַ האַלבער זכר און אַ האַלבע נקבה, און איז נאָכדעם צוטײלט געװאָרן אױף צװײען". אין די דוגמאות איז צו זען װי װײט די העלעניסטישע השפעה איז געװען אױף דער אידישער ליטעראַטור, און דעריבער דאַרף אונז ניט װאונדערן אױף אַריסטאָטעלעס השפעה אױפן רמב"ם בנוגע זײן פילאָזאָפיע.

ס'איז כדאי זיך אָפּשטעלן צוערשט אױף אַריסטאָטעלעס פּערזענלעכקײט און זײן הױפּט־אידעע װעגן „מאָנאָטעאיזם".

אַריסטאָטעלעס, װעלכער איז געװען דער רבי פון אַלעקסאַנדער דעם גרױסן, האָט געלעבט נאָך אין דער צײט פון אַלעקסאַנדערס פאָטער, פיליפּוס, מיט אַריבער פיר הונדערט יאָר פאַרן חורבן. ס'איז גאָר קײן ספק ניט אַז די חכמי ישראל האָבן פון אים געװאוסט, און דאָך איז פון אים ניט דערמאָנט געװאָרן אין דער אַלטער אידישער ליטעראַטור. אױך די משנה און די גמרא האָט זײן נאָמען ניט דערמאָנט. די סבה דערפון איז, װײל דער פילאָזאָף האָט אין זײן פילאָזאָפיע געלערנט דעם „קדמות העולם" און „נצחות החומר", דאָס װיל זאָגן, אַז די װעלט איז פריער פאַר דער גאָטהײט, און די אײביקײט פון דער מאַטעריע, און די ערשטע סבה, װעלכע רופט זיך גאָט, זאָרגט זיך ניט װעגן די זאַכן װאָס קומען פאָר אין װעלט־רױם, און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די משנה און די גמרא, װעלכע זײנען אַ לערע פון „דין" און „משפט", און האָבן ניט קײן עסק מיט פיזיק און מעטאַפיזיק, װעלכע װערן אָנגערופן „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה", און מען האָט דאָס רעכט צו לערנען זײ נאָר פאַר צװײ אָדער דרײ, האָט בשום אופן ניט געקענט אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע אַרײננעמען אין זײער לערע, װעמעס צװעק איז צו באַקענען אַלעמען מיט איר.

אױך די גריכישע פילאָזאָפן האָבן זיך אױסגעדריקט װעגן אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע בנוגע דער פיזיק און מעטאַפיזיק, אַז ניט אַלע דאַרפן זי לערנען, נאָר די װעלכע זײנען צוערשט עקזאַמענירט געװאָרן, אױב זײ האָבן דאָס רעכט אַזעלכע צו לערנען. און דאָך צװישן די גריכישע שרײבער, װעלכע דער תלמוד האָט

זיי אָפּגעזאָגט דעם „עולם הבא" ווערן נאָר צוויי דערמאַנט „המירוס" (האָמער), (אין דער משנה „ידים"), און „עפּיקורוס" (עפּיקור), (אין דער משנה „חלק"), דאָס וויל זאָגן, די יעניקע וועלכע האָבן אָנגענומען זייער שטה. דער נאָמען אַריסטאָטעלעס ווערט ניט דערמאַנט, דער תלמוד האָט ניט געוואָלט בײַ אים צו־נעמען זײַן חלק עולם הבא, ווײַל ער לייקנט נאָר אין דער „השגחה", אָבער אין „מציאות השם" גלויבט ער; און ווען מיר געפינען אין תלמוד ווענן די חסידי אומות העולם וואָס האָבן אַ חלק לעולם הבא, דעם נאָמען סאָקראַטעס און זיינע חברים, און דער נאָמען אַריסטאָ־טעלעס ווערט ניט דערמאַנט, איז עס ניט ווייל ער האָט ניט, נאָך זייער מיינונג, קיין עולם הבא, נאָר ווייל ער ווערט אַריינגערעכנט פון זיי צווישן סאָקראַטעס חברים, וועלכע האָבן זיך אין זיין שטה געהאַלטן.

פון דער צייט פון דער משנה און די צוויי תלמוד'ס, תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי'ס צונויפשטעלונג, האָבן די גריכן פּיל צרות געהאַט אויסצושטיין פון די רוימער, און דורכדעם איז די גריכישע פילאָזאָפיע אַ לאַנגע צייט פאַרגעסן געוואָרן. ערשט אין דער צייט ווען די אַראַבער האָבן געזיגט אין שפּאַניע, די צייט ווען דער פילאָזאָף אוועראָעס האָט צווישן אַנדערע גריכישע קלאַסישע ווערק אויך איבערזעצט אַריסטאָטעלעס ווערק אין אַראַביש, האָט אַריסטאָטעלעס לערע פאַרנומען אַ פּלאַץ אין די הערצער פון אי־דישע געלערנטע, און דער רמב"ם, וועלכער איז געווען אווערא‌ָעס (אבן רש"ד) אַ תלמיד, האָט אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפישע לערע צוגעפּאַסט צו דער אידישער תורה. און זיין לערע איז אָנגענומען געוואָרן בײַם רוב פון אידישע חכמים, איבערהויפּט איז אָנגענומען געוואָרן זיין פּראַקטישע פילאָזאָפיע. „אַלע זאַכן וואָס דער מענטש טוט, וואָס האָבן אַ שייכות צו זיין אייגן לעבן אָדער צום לעבן פון אַנדערע, אַלעס, אַלעס — זאָגט אַריסטאָטעלעס — דאַרף זיין אין אָנר'אַנג מיט דער פילאָזאָפיע; און וואויל איז דעם מענטשן, און וואויל איז דעם פאָלק וועמעס געדאַנקען זיינען וואָרהאַפטיקע. דע־מאָלט קענען די מעשים ערשט זיין צופרידנשטעלנדע און בּיז גאָר גוטע. ווי איז אָבער דעם מענטשן און דעם פאָלק וואָס זייערע

געדאנקען זיינען געצויגענע אויף שפינוועבס, אויף שקר און בעטראָג; דעמאָלט איז קיין האָפנונג ניטאָ אז ס'זאָל וועלכעס גוטס אַרויסקומען פון זיי".

אַריסטאָטעלעס גייט ווייטער און זאָגט: „ס'איז נאָך דאָ אַ אַרט פּראַקטישע פילאָזאָפיע, פון וועלכע עס קומט ניט אַרויס ניט קיין גוטס און ניט קיין שלעכטס, נאָר איינס פון די ביידע: אמת אָדער שקר, און דאָך ווערט זי — די פילאָזאָפיע — אָנגערופן אַ פּראַקטישע, ווייל דער פילאָזאָפישער געדאנק מוז אָנקומען צו פאַרפאָלקאָמענען די פּראַקטישע מעשים. ווי צום ביישפּיל, די זאָאָלאָגיע. צו דערוויסן זיך דאָס אַרט לעבן פון די בעלי חיים, די גלידער־אנאטאָמיע, צו פאַרשטיין די פאַרהעלטעניש פון איין גליד צום צווייטן, זייער השפּעה איינס צום אנדערן, דורך דער בלוט־צירקולירונג און נערוון־סיסטעם. אויך די מוזיק און רעטאָריק זיינען אונטערוואָרפן דער פילאָזאָפיע. דעם סיסטעם האָבן אויך אָנגענומען די אידישע חכמים נאָך פאַרן רמב"ם, בנוגע דער זיטלעכקייט, מיט וועלכע אַריסטאָטעלעס רימט דאָס גריכישע פאָלק און שטעלט עס העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער, וועלכע האָבן — נאָך זיין מיינונג — ניט די ווערט צו פרייהייט, נאָר צו פאַרשקלאַפונג. דאָך האָבן זיך אויך אונזערע חכמים אויף דער אַרט אויסגעשפּראָכן און געזאָגט, אַז די ווערטער זיינען נבואישע... (זע רלב"ג אין ספר מלחמות). „אַריסטאָטעלעס — זאָגן זיי — מעסט די גריכן מיט דער זעלבער מאָס, וואָס די נביאים האָבן געמאָסטן דאָס פאָלק ישראל, נאָר מיט דעם אונטערשיד וואָס די אידישע תורה האָט פאַרלייכטערט דעם גורל פון די עבדים כנענים". אַריסטאָטעלעס זאָגט, אַז ביי אַלע אנדערע פעלקער, אויסער גריכן, האָט יעדער גריך וואָס האָט פון זיי אַ שקלאַף געקויפט, דאָס רעכט צו מאַרטירן זיי און מאַכן פאַר בעלי מומים. תורת משה אָבער זאָגט, אַז פאַר אויסזעצן אַ אויג, אָדער אפילו א צאָן פון אַ שקלאַף, דאַרף דער קנעכט אָדער די דינסט באַפרייט ווערן, כדי אָפּצוגעווייגען דעם שקלאַפן בעל־הבית פון אכזריות. אַריסטאָטעלעס לויבט די גריכן פאַר דעם כבוד וואָס זיי גיבן אָפּ זייערע פרויען, און אויך די תלמודיסטן זאָגן דאָס זעלבע: „אַ מאַן דאַרף זיין געוואָרנט ניט צו ערגערן די פרוי";

„דיין פרוי איז א נידעריקע, בויג זיך אָן צו איר ווען דו האָסט איר וואָס צו זאָגן”; און נאָך מערערע אויסגעשפּראָכענע ווערטער פון אריסטאָטעלעס בנוגע זיטלעכקייט, גלייכן זיך מיט די פון אונזערע חכמים ארויסגעזאָגטע. דער רמב״ם האָט דעריבער דאָס פאָלקאָמענע רעכט געהאַט אָנצונעמען אריסטאָטעלעס שיטה. דער היסטאָריקער גרעץ איז חושד דעם רמב״ם אז בנוגע פילאָזאָפישע דעות האָט ער ניט אָפּגעשיילט די גאנצע שאָלעכץ, וועלכע פּאַסט ניט צו דער טראַדיציאָנעלער אידישער וויסנשאַפטלעכער פרוכט”. „צוויי הנחות — זאָגט גרעץ — האָט דער רמב״ם אָנגענומען, וועלכע זיינען סותר איינע דער צווייטער”.

די דעות פון אריסטאָטעלעס, וועלכע זיינען פון די אראַבּישע פילאָזאָפן אנערקענט געוואָרן, רעכנט זיי דער רמב״ם פאַר אמת־דיקע, וואָס מען דאַרף זיך אין זיי האַלטן, און מיט דעם זעלבן געדאנק זאָגט ער זיך ארויס וועגן דער תורה מן השמים, וועגן די רייד פון די נביאים, און אין אלע זיטלעכע און מאָראַלישע לערע וואָס די תלמודיסטן האָבן געלערנט. דער רמב״ם זוכט צו מאַכן א שלום און א פשרה צווישן די אויסגעשפּראָכענע זיטן־לערע אין די כתבי הקדש און די זיטן־לעגענדען אין תלמוד. „דער רמב״ם — זאָגט גרעץ — האָט ניט גענומען צום באַטראַכט, אַז דעות און געדאַנקען פון צוויי פאַרשידענע וועלטלעכע אנשויאונגען קענען בשום אופן זיך ענג ניט צופּאַסן, אויף ניט צו לאָזן וועלכע ס׳גיט איז שפּאַרינע... מען קען ניט מיט געוואַלט דערנענטערן ווייטע צו נאָענטע... ס׳קאָן קיין קאָמפּראָמיס ניט געמאַכט ווערן — זאָגט גרעץ — צווישן חכמת יונים און חכמת ישראל.

אויב גרעץ האָט רעכט מיט זיין חשד אויפן רמב״ם וועגן זיינע עקסטרעמיסטישע דעות, קאָן מען זיך איבערציינגן לייענענדיק זיין השקפה אויפן אידישן דת און אויף די עקרים — די הויפּט פּרינציפּן — אויף וועלכע דער דת באַזירט זיך, אַז דער חשד האַלט ניט אויס די געזונטע לאָגיק.

דער רמב״ם האָט דוקא פאַרשטאַנען די גאנצע שאָלעכץ פון אריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע ארונטערצונעמען. דער רמב״ם באַגרינ־דעט דעם אידישן דת אויף דרייצן עקרים, און די זעלבע זיינען

פּינקטלעך צוגעפּאַסט אָן דער מינדעסטער אַריסטאָטעלעס פילאָזאָ־פישער שאַבלאָן — ווי גרעץ רופט זי אָן. די מאָראַלישע לערע וועלכע ווערט אין די עקרים אויסגעשפּראָכן, איז ריין פון וועלכער ס'איז אַריסטאָטעלישע פילאָזאָפיע. דער רמב"ם רעכנט צווישן די עקרים:

„מציאות השם", א אחדות וואָס קען זיך מיט קיין צווייטע אחדות ניט פאַרגלייכן; „די באַזייטיקונג פון דער גאָטהייט דאָס גשמיותדיקע". און אויף דער אָרט צוגעפּאַסט צום אידישן גייסט די אַנדערע עקרים, אינם „אני מאמין". און דער רמב"ם באַשטימט, אַז דער וואָס לייקנט אַפילו נאָר אין איינעם פון די עקרים, איז ער אַ „מין" און „אַפּיקורוס" און האָט ניט קיין חלק לעולם הבא. פון דעם אַלעם איז צו זען, אַז דער רמב"ם האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי און אויף וועלכן אופן צו באַנוצן זיך מיט דער פילאָזאָפיע פון אַריסטאָטעלעס. ער האָט זיין פילאָזאָפיע פאַרצאַמט מיט א גדר, אויף ניט אַריינצודריגנען אין אַ רשות פון אַזעלכן וואָס וויל זי ניט ליידן... דעם רמב"ם'ס פילאָזאָפיע איז נאָך ניט גרינטלעך גע־שטודירט געוואָרן. זיין פילאָזאָפיש ווערק „מורה נבוכים", ווערט נאָך ביז היינט צוטאָג געשטודירט און דערקלערט. און מיר האָבן ניט דאָס רעכט אָנצונעמען דעם רמב"ם אַלס אַ עקסטרעמיסט בנוגע אַריסטאָטעלעסן.

קאפיטל ד.

דעם רמב"מ'ס ליידן

רבי משה בן מיימון, ווען אויך ער איז געווען באַגאַבט מיט אַלערליי וויסנשאַפטן, אין וועלכע געלערנטע האָבן זיך אויסגע־צייכנט אין זיין צייט; זיין שכל איז געווען ווי אַ קוואַל פון וועלכן דאָס וואַסער קוועלט אָן אַ אויפהער, איז דאָך זיין ערשטע גייסטיקע אַרבעט געווען צו פאַרפאָלקאָמען זיך אין די פינף פרינציפּיעלע וויסנשאַפטן: תורת ישראל, די אידישע תורה אין אַלע אירע צווייגן, ווי די כתבי הקדש, די ספרי התלמוד, תלמוד בבלי און תלמוד ירושלמי מיט אַלע זייערע מפרשים; די טעאָלאָגישע פילאָ־זאָפיע; די מעדיצינישע וויסנשאַפט; מאַטעמאַטיק און אויך די אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפט.

אַלט זייענדיק דריי און צוואַנציק יאָר, האָט אַ שפּאַנישער וויסנשאַפטסמאַן אים געבעטן ער זאָל פאַר אים פאַרפאַסן אַ ווערק צו לערנען זיך די חכמה פונם חשבון התקופות און מולדות אין אַ קורצן סיסטעם. דער רמב"ם האָט פאַר אים אָנגעשריבן אַ קונטרס מיטן נאָמען „חשבון העבור". אין דער זעלבער עלטער איז ער צוגעטרעטן צו דער ריזן־אַרבעט, צו שרייבן אַ פירוש אויף די ששה סדרי משנה, ווי מיר וועלן עס שפּעטער אַרומרעדן. אין יאָר ד. תתקי"ט (1159), האָט רבנו משה מיט זיין פאָטער, זיין ברודער דוד און זיין שוועסטער, פאַרלאָזט שפּאַניע און איז אָנגעקומען קיין פעס, אין צפון־אַפריקא. ס'איז ניט באַוואוסט די סבה וואָס האָט געבראַכט דער פאַמיליע מיימון צו באַזעצן זיך אין דעם פינסטער־פאַנאַטיש לאַנד, אין וועלכן עס האָט רעגירט דער ווילדער,

גרױזאַמער קעניג עבדאל מומין, פֿון די אַראַבישע אַלמוהאַדען, װעלכער האָט געצװאונגען די קריסטן און די אידן, אָנצונעמען דעם מאַכמעדאַנישן גלױבן; עס האָט זיך ניט געפֿונען קײן אײן איד דאָרט װאָס זאָל אָנגײן מיט זײן אידישקײט אין דער עפֿנטלעכקײט. אַלע אידישע שולן זײנען פֿון דער רעגירונג פֿאַרמאַכט געװאָרן, אַלע לער־הײזער פֿאַרשלאָסן, אַלע אידן זײנען געװען געצװאונגען צו קומען אין די „מעטשעטן" און דערמאָנען אין די תפֿלות מחמד׳ס נאָמען. און נאָר שטרענג אין געהײם און מיט סכנת נפֿשות האָבן זײ אָפּגעהיט אידישקײט.

אױבן איז שױן דערמאָנט געװאָרן אַז די מײנונגען פֿון אַ פֿײל חכמים, אַז די פֿאַמיליע מײמאָנידעס איז אין אַ משך פֿון אַ קורצער צײט געװען אַ פֿאַרמאַסקירטע איסלאַמישע, זײנען ניט אױסגעהאַלטן. כ׳װעל ברענגען די מײנונגען פֿון אײניקע פֿון די חכמים פֿון דער לעצטער צײט. דער ערשטער װאָס האָט די באַהױפּטונג געמאַכט, איז געװען דער חכם כרמולי אין זײנע „יאַרביכער" פֿונם יאָר 1835; נאָכער האָט דאָס אױך געטון מונק אין זײן בוך: „נאָטיצען װעגן יוסף ב. יהודה" און אין דער צײטשריפֿט: „איזראַעליטישער אַרכיװ". אָבער פֿיל היסטאָריקער האָבן עס אָפּגעלײקנט װי ס׳איז שױן דערמאָנט געװאָרן. און כאָטש עס װאונדערט װי אַזױ ער האָט זיך געקענט אױפֿהאַלטן אין פֿעס אַלס עפֿנטלעכער איד, קען מען דאָך אָננעמען אַז זײן גרױס װיסנשאַפֿט איז אים בײגעשטאַנען. אַ סימן אַז ער האָט געהאַט פֿיל אינטימע פֿרײנט צװישן די אַראַבישע פֿילאָזאָפֿן און מעדיקער פֿון װעלכע ער האָט זיך פֿאַרפֿאָלקאָמט אין דער פֿילאָזאָפֿיע און מעדיצין.

די אנוסים אין פֿעס זײנען פֿאַרטײדיקט געװאָרן פֿונם רמב״ם. אױף דעם אָנפֿאַל װאָס אַ קנאי האָט איבער זײ געמאַכט זײ צו רעכענען פֿאַר פֿושעים, דערמיט װאָס זײ זאָגן אין די מעטשעטן, אַפֿילו געצװאונגענערהײד, אַז מחמד איז גאָטס שליח. דער רמב״ם איז אַרױס מיט מערערע ראיות פֿונם תלמוד, װעלכער איז מבטל דעם קנאי׳ס רײד. ערשטנס איבערצײגט ער, אַז אידן, װען אױך זײ זינדיקן קאָן מען בײ זײ דאָס אידישקײט ניט אָװעקנעמען: „ישראל אף על פּי שחטא ישראל הוא". „די אידן — האָט ער אין

זיינער א בריוו געשריבן — זיינען אין די צייטן פון אליהו הנביא און ישעיהו, אין גרעסטן רוב געווען געצנדינער און דאָך זיינען די ביידע נביאים, וועלכע האָבן מיט צו שאַרפע רייד זיי געשטראָפט, אַליין געשטראָפט געוואָרן. דער ערשטער פאַר זיין גרויס קנאות, האָט ער געהערט אַז „לא ברעש ד׳", „דו דאַרפסט זיך ניט אָננעמען פאַר גאָט מיט שטורמדיקער קנאות"... און פאַר דער פייערדיקער קנאות איז ער מיט די רכב וסוסי אש, ווי דער תנ״ך דריקט זיך אויס אַלעגאָריש, אַרויף אין הימל... דער צווייטער איז פאַר זיין אויסדריק „עם טמא שפתים", מיט א אָפּגעבריטע צונג באַשטראָפט געוואָרן... און גרויס וועט זיין די שטראָף פון דעם קנאי, וועלכער האָט זיך געוואָגט אָנצורופן אידישע אנוסים, — וועלכע זיינען אין געהיים פרומע אידן, — מיט די נעמען פושעים, רשעים און כופרים. ווייסט ער דען ניט דער קנאי, אַז בשעת הסכנה מעג מען זיך פאַר־מאַסקירן ווי רבי מאיר מיט רבי אליעזר בן הורקנוס האָבן געטון, דער ערשטער מיט אַריינשטעקן איין פינגער אין טרפה׳ם און אָפּ־לעקן דעם צווייטן; און רבי אליעזר בן הורקנוס מיט זיין צוויי־דייטיקן ענטפער. און ניט נאָר מיט זיין בריוו „אגרת השמד", נאָר אויך מיט רייד האָט ער די אנוסים דערמוטיקט, ניט איבערצו־שרעקן זיך פאַר די אַראַבישע פאַנאַטיקער. ער האָט זיי געטרייסט און אויפגעמונטערט צו האַלטן זיך פעסט, ווען אויך אין געהיים, אין אידישן גלויבן און האָפן אויף א גאולה וישועה. און פאַר די רייד האָט ער שיעור ניט באַצאָלט מיטן לעבן. די מאַכמעדאַנישע רעגירונג האָט אים אַרעסטירט אַלס איינער וואָס אַגיטירט אויף אָפּצוזאָגן זיך פונם מאַכמעדאַנישן גלויבן, און ווען ניט זיין גרויסער אַראַבישער פריינט, דער פּאָעט אבול־ערב אבן מייאשה, וועלכער האָט אים פאַרטיידיקט, וואָלט ער געווען מיטן לעבן באַצאָלט. ער איז נאָר געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס באַרבאַריש לאַנד, און אין יאָר תתקכ״ה, 1165, אין פירטן אייר, האָט זיך די פאַ־מיליע מיימון אויפגעזעצט אויף א שיף אָפּצופאָרן קיין ארץ ישראל. פינף טעג איז דער מיטלענדישער ים, איבער וועלכן זיי זיינען גע־פאָרן, געווען רואיק, דעם זעקסטן טאָג אָבער, האָט אויסגעבראָכן א שרעקלעכער שטורעם און די שיף האָט געהאַלטן ביים אונטער־

גיין. רבי מיימון מיט זיין פאַמיליע האָבן תפלה געטון צו גאָט, ער זאָל זיי רעטן און רבי משה האָט אַ נדר געטון: די צוויי טעג, דעם פערטן אייר, ווען ער איז אַרויף אויף דער שיף און דעם צענטן, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער שטורעם, צו טון צדקה, ער און זיינע קינדער נאָך אים, דאָס גאַנצע לעבן. דער שטורעם איז שטיל געוואָרן און אין דריטן סיון זיינען זיי בשלום אָנגעקומען קיין עכו; ער האָט אַ צווייטן נדר געטון, דעם טאָג צו מאַכן פאַר אַ יום-טוב. די אידן פון עכו האָבן זיך דערפרייט איבער זייער אָנקומען און זיי האָבן די פאַמיליע מיימון אויפגענומען מיט גרויס כבוד. דאָרט אין עכו האָט דער רמב"ם געשלאָסן אַן אייביקע פריינטשאַפט מיט דעם רב פון דער קהלה מרנא יפת בן מרנא אליהו הדיין.

לערך אַ האַלב יאָר האָבן זיי זיך פאַרזוימט אין עכו. און דעם דריטן מרחשון פונם יאָר תתקכ"ו, 1166, האָבן זיי זיך געלאָזט קיין ירושלים. און נאָך פיל סכנות האָבן זיי דערגרייכט זייער ציל. קומענדיק קיין ירושלים האָבן זיי מיט טרערן באַנעצט די חרבות פון דער הייליקער שטאָט און זיך אַוועקגעלאָזט קיין חברון און באַזוכט די מערת המכפלה. אַ מסורה דערציילט, אַז דער רמב"ם האָט זיך מתבודד געווען אין געהיים אין דער מערה און מתפלל געווען אויף די קברים פון די „ישני חברון"... און זיך גלייך געלאָזט קיין מצרים. אין וועלכער שטאָט ער האָט זיך צום ערשטן באַזעצט איז אויף ריכטיק ניט באַוואוסט. נאָך דער מיינונג פון ר' יעקב פראַגי, אינם „שם הגדולים", האָט ער זיך צום ערשטן באַזעצט אין נא אמון (אַלעקסאַנדריע) און נאָכדעם איז ער אַוועק און זיך באַזעצט אין דער אַלטער קאַירא. נאָך געציילטע מאָנאַטן פון זייער קומען קיין קאַירא, איז רבי מיימון, דעם רמב"ם'ס פאָטער, נפטר געוואָרן. דער נאָמען פון רבנו משה איז שוין לאַנג באַקאַנט געווען; ווען זיין פאָטער איז נפטר געוואָרן האָט ער באַקומען טרייסט-בריוו פון פיל לענדער, אויך פון דער קריסטלעכער שפּאַניע און פון אפריקא. דאַגעגן אָבער אין מצרים גופא, וואו ער האָט זיך באַזעצט, איז זיין נאָמען נאָך ניט געווען אויף אַזוי פיל באַוואוסט. רבנו משה און זיין ברודער רבי דוד, זיינען פון דער נאַטור געווען צוריקגעהאַלטענע, זיך דערווייטערט פון מענטש-

לעכער געזעלשאַפֿט, ניט געזוכט צו באַרימען זיך מיט זייער וויסנ־שאַפֿט כּדי צו באַקומען דורך דעם כּבֿוד. זיי האָבן געגרינדעט אַ האַנדלס־הויז פֿון בריליאַנטן און דימענטן. רבנו משה האָט זיך אָבער צום געשעפֿט ניט געמישט; דער ברודער פֿלעגט אַרומפֿאָרן מיט דער סחורה אין ווייטע לענדער, געהאַט גוטע פֿאַרדינסטן און זיך געטיילט מיטן ברודער. זיך געפֿירט אויף דער אַרט פֿון יששכר מיט זבֿולן, רבי דוד האָט געהאַנדלט און רבנו משה איז געזעסן על התורה ועל העבֿודה. און דאָ האָט געטראָפֿן רבנו משה'ן דאָס גרויסע אומגליק. פֿאַרנדיק קיין אינדיע מיט זיין גאַנצער סחורה איז די שיף אונטערגעגאַנגען און זיין ברודער איז דערטרונקען געוואָרן; דער רמב"ם איז פֿאַר גרויס ווייטיק קראַנק געוואָרן; אַ גאַנץ יאָר האָט ער געשוועבט צווישן לעבן און טויט. נאָר אַ דאַנק זיין גרויסן גייסט, וועלכער האָט אים כּח געגעבן אויף אויסצוהאַלטן די קרענק איז ער לעבן געבליבן. ניט האָבנדיק קיין אַנדערע קוועלע פֿון פּרנסה, האָט ער זיך אָנגעהויבן צו באַשעפֿטיקן מיט דער מע־דיצינישער וויסנשאַפֿט. ער איז געוואָרן אַ דאָקטאָר. און ווען אויך נאָך ניט קיין באַקאַנטער, האָט ער דאָך באַקומען די מעגלעכקייט אויף צו דערנערן פֿון דער פּראָפֿעסיע זיין הויזגעזונט, ווי עס וועט באַשריבן ווערן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.

אין דער זעלבער צייט האָט ער מיטן גרעסטן גייסטיקן אימ־פּעט זיך אַריינגעוואָרפֿן צו דער חכמת היהדות.

קאַפּיטל ה.

דעם רמב"מ'ס וויסנשאַפט אין חכמת היהדות. דער „יד החזקה" אָדער „משנה תורה"

„דער רמב"ם — זאָגט דער היסטאָריקער גרעץ — האָט גע־שאַפן אַ „נייעם תלמוד", זאָל אָבער קיינער קיין טעות ניט האָבן אָנצונעמען, אַז דער רמב"ם האָט צעשמעטערט דעם אַלטן תלמוד, און אויף זיינע חרבות געבויט אַ נייעם. די תורה פון רבי יהודה הנשיא און רב אשי, דער ערשטער אַלס דער מחבר פון דער משנה און דער צווייטער אַלס מחבר פון דער גמרא, איז ביים רמב"ם הייליק געוועזן. זיין בנין איז נאָר געוועזן אַ פאַרשענערונג און מער איינגעאָרדענטער צום אַלטן בנין. ער, דער רמב"ם, איז געוואָרן דער מאָדערנער אַרכיטעקטאָר, וועלכער האָט מיט אַ מאָדערנעם פּלאַן אויסגעבעסערט דעם אַלטן בנין. ווי אַן אַרכיטעקטאָר אַ קינסטלער, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ מאַטעריאַל צו פאַרפיינערן דעם אַלטן בנין און דערמיט געשאַפן פאַר אים אַ ליבלעכם און סימפּאַטיש אויסזען. ער האָט נאָר אַראָפּגענומען פון דעם אַלטן בנין דעם ראַסט, וואָס האָט זיך מיט דער צייט אויף אים געלייגט און פאַרבלייכט זיין אויסזען. ער האָט אויך די ניט גאָר עסטע־טישע באַפּוצינגען איבערגעמאָלט און זיי געגעבן אַ באַזונדער עס־טעטישן חן. און דער תלמוד־בנין איז פון זיין האַנט אַרויס שיין צום אויג און סימפּאַטיש צום האַרצן..."

אין פאָרוואָרט צו זיין „יד החזקה", רעדט ער וועגן די הויפּט־פּרינציפּן פון „תורת ישראל" און זאָגט די ווערטער: „די הויפּט־פּרינציפּן פון דער אידישער תורה זיינען „מציאות השם", די שאַפונג פון דער וועלט אַלס אַ „יש" „מאין". אין „יחוד השם" (מאָנאָטעאיזם).

דער רמב"ם האָט אין אַלע זיינע דינים און חוקים ווערק אַרויס־געוויזן די השפּעה פונם „אַלפס" און די "קבוצי הגאונים". פונם

ערשטן האָט ער גענומען דאָס מאַטעריאַל און פון די צווייטע די צורה (פיזיאָנאָמיע).

די הויפט שטרעבונג פונם רמב״ם אינם חבור „יד החזקה״ אָדער משנה תורה, איז געווען צו שאפן אַ ענציקלאָפּעדיע, אין וועלכער עס זאָל גאַרניט פעלן, אַ צוזאַמענשטעלונג פון אַלע דינים פון אסור, מותר, טמא און טהור, סיי אַזעלכע וואָס זיינען נוהג אויך אין דער געגנווערטיקער צייט און סיי אַזעלכע וואָס זיינען ניט נוהג.

דער רמב״ם איז ניט געווען קיין קעגנער צו די חז״ל, ער האָט נאָר דערקלערט זייער טיפן געדאנק. נאָר אין איין שטעלע זען מיר זיין עקסטרעמע קעגנערשאַפט צו דער דעה פון די חכמי התלמוד און דאָס איז בנוגע כשוף און שדים:

„די אַלע זאַכן וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן כשוף און שדים — זאָגט ער — זיינען „דברי כזב״... דער וואָס גלויבט אין זיי און מיינט אַז זיי זיינען אמת, נאָר די תורה האָט זיי פאַר־באָטן, איז אַ שוטה און אַ חסר־דעהניק (הלכות עבודה זרה פ. ט״ו).

און מיט רעכט באַמערקט ד״ר חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר), „ווייל דער רמב״ם גלויבט ניט אין זאַכן, וועלכע זיינען נאָך זיין מיינונג דברי הבל, דערפאַר האָט ער דורכגעלאָזן אינם „יד החזקה״ די הלכה פון „זוגות״ (צו היטן זיך פון צו געניסן פון „פאַרליך״). ער האָט אויך צוליב דעם טעם דורכגעלאָזט די הלכה וועגן „אישות״ אין וועלכער עס ווערט געזאָגט: אַז ווען איינער געפינט זיך אין אַ גרוב און זאָגט: „ווער עס וועט הערן מיין קול זאָל שרייבן אַ גט מיין פרוי״, און דער תלמוד פרעגט: „עס קאָן דאָך זיין אַז אַ שד איז דאָרט געווען, אוןער ענטפערט עס דאָרט, אַז מען האָט געזען דעם צווייטן אָפּשלאָג פון א שאָטן (בבואה דבבואה), און דער רמב״ם לאָזט די הלכה דורך. ד״ר טשערנאָוויץ דערקלערט, אַז דער רמב״ם האָט אַרויסגעוויזן זיין קעגנערשאַפט צו די זעלבע, ווייל זיינע הויפט דעות אין „מורה נבוכים״ באַציען זיך אויף דעם עיקר, אַז דער צוועק פון דער תורה איז אָפּצושיידן און דערווייטערן אונז פון עבודה זרה׳דיקע אבערגלויבעריי. פון דעם ראַציאָנאַליסטישן שטאַנדפונקט דערקלערט ער די רוב טעמים פון די מצוות.

ווי געזאָגט, האָט דער רמב"ם זיך גענומען אַלס ריכטשנור די גאונים, אויפצוריכטן דעם פונדאַמענט פונם "יד החזקה", און דאָך האָט ער זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו זײַן אַ קעגנער צו מערערע פון זײ, ווען זײערע ווערטער האָבן ניט געשטימט מיט די פון דער גמרא. דער רמב"ם האָט די גאונים רעספּעקטירט און זיך גערעכנט מיט זײ אַלס קאָמענטאַטער פון דער גמרא, אָבער ניט אַלס אײגענע געזעצן און אײגענע גזרות צו שאַפן. און אַזוי דריקט ער זיך אויס אין זײַן הקדמה צום "יד החזקה": "דער כח פון באַפוילן אויסצופאָלגן האָט נאָר די גמרא, ווײַל אויף אַלעם וואָס איז אין דער גמרא אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָבן מסכים געווען דער גאַנצער כלל ישראל; אָבער דער כלל ישראל האָט זײַן הסכמה ניט געגעבן אויף די גזרות, תקנות און מנהגים, וועלכע זײַנען באַנײַט געוואָרן נאָכן חבור פון דער גמרא". און ווען אײנער פון די גאונים האָט אַרויסגעזאָגט אַ מײנונג, בנוגע וועלכן ס'איז דין, און ס'איז דערקלערט געוואָרן פון אַ צווײטן, אַז די אויסגעשפּראָכענע מײנונג איז קעגן דער גמרא, ווערט די מײנונג פונם ערשטן אָפּגעוואָרפן.

דער צוועק פון דעם קאָלאָסאַלן חבור "יד החזקה" אָדער משנה תורה איז צו פאַרלײכטערן די מעגלעכקײט אויף צו דערוויסן זיך פאָלקאָם די תורת היהדות, די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה. דעם רמב"מ'ס וואונטש איז געווען צו שאַפן אַ ריכט־שנור איבער אַלע אומפאַרשטענדלעכע שטעלן אינם תלמוד. אַ דאַנק דעם פּרעמדן סטיל, דעם אַראַמישן דיאַלעקט און נישט קלאָרע קאָמענטאָרן. די אַלע האָט ער מיט זײַן ריכט־שנור אויסגעגלײכט. דעם פּלפּול באַזײטיקט און ס'איז פון אים געשאַפן געוואָרן אַ מוזעאום, אין וועלכן אַלעס איז צוזאַמענגעשטעלט אין דער בעסטער אָרדנונג, און יעדער קאָן דאָרט לײכט געפינען אַלעס וואָס ער זוכט און אים איז נויטיק...

דער "יד החזקה" האָט איבערראַשט דעם גאַנצן עולם היהדות, אנערקענענדיק זײַן גרויסע ווערט און ער איז איבערזעצט און פאַרשפּרײט געוואָרן, ניט נאָר אין אַראַביע און אינם גאַנצן אָריענט, נאָר אויך אין די מערב־לענדער, אין נאָרד־אַפריקא, פראַנקרײַך און איטאַליע.

קאפיטל ו.

דעם רמב״מ׳ס מתנגדים

ס׳האָבן זיך געפונען קנאים, וועלכע האָבן ניט געקענט פאַר־בלייבן גלייכגילטיק צוזעענדיק דעם כבוד וואָס דער רמב״ם האָט באַקומען פון די גרעסטע חכמים, און האָבן זיך פאַרנומען, ווי שוין פריער געזאָגט, דאָס גרויסע ליכט צו פאַרשאָטענען.

זיין הויפט קעגנער איז געווען דער ראש הישיבה פון באַגדאַד, רבי שמואל בן עלי. דער ראש ישיבה האָט זיין נשיאות אָנגעפירט מיט גרויס פראַכט און גלאַנץ. זיין קאַטעדרא איז אַ גאָלדענע געווען, פופציק משרתים האָבן אים באַדינט, און ניט געקענט דולדן אַז אַ צווייטער זאָל האָבן מער כבוד פון אים. האָט ער זיך פאַרנומען ניט נאָר צו דערנידעריקן דעם רמב״ם, נאָר אויך צו באַ־ליידיקן אים, אַז אין זיינע ספרים געפינט זיך ניט ווייניק „מינות״, אַ דאַנק דער אריסטאָטעלישער השפעה, איבערהויפט אין זיין ספר „מורה נבוכים״.

דער רמב״ם האָט פאַרפאַסט זיין ספר „מורה נבוכים״ וועלנדיק באַזירן דעם דת נאָכן גייסט פון רבי סעדיה גאון, אַז דאָס יהדות דאַרף שטימען מיט אַ לאָגישער חקירה, און האָט געזוכט ווי ווייט מעגלעך זיך צו דערווייטערן פון אַריסטאָטעלעס לאָגיק דאָרט ווי זי האָט ניט געשטימט מיטן רוח היהדות. דער רמב״ם, ווי געזאָגט, האָט זיך אויפגעפירט בנוגע אַריסטאָטעלעסן, וועלכן ער האָט גע־שעצט, ווי רבי מאיר קעגן אלישע בן אבויה: „רמון מצא, תוכו אכל, וקליפתו זרק״. דאָרט וואו אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע האָט ניט געשטימט מיטן רוח התורה, האָט ער זי פאַרוואָרפן און פאַר זיך אויסגעטראָטן זיין אייגענעם וועג.

ווען מיר רעדן דאָ וועגן דעם רמב״מ׳ס קריטיקער, איז אויך כדאי צו באַמערקן אַז ניט נאָר ביים לעבן, נאָר אויך נאָך זיין טויט האָבן אַרויסגעטרעטן חכמי צרפת מיט זייער שאַרפער קריטיק

פאר זיין אָננעמען אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפישע שטה, כאָטש מערערע חכמים האָבן אויך די שטה מער אָדער ווייניקער אָנגענומען. דאָס איז געשען אין ענדע צוועלפטן יאָרהונדערט און אָנהויב דרייצנטן. די חכמים האָבן גע׳אסרט מיט דער גזרה פון נ״ח״ש״ (נדוי חרם שמתא) דאָס לייענען דעם ספר „מורה נבוכים״ און „ספר המדע״, וואָס דער רמב״ם האָט פאַרפאסט. זיי האָבן באַפוילן צו פאַרברענען די ספרים, ווייל אין זיי איז אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע געווען דער הויפּטפּונקט. די סבה פאַר וואָס די חכמי צרפת האָבן קריטיקירט דעם רמב״ם צוליב אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע מער ווי אין אַנדערע לענדער, האָט זיך, לויט א טייל היסטאָריקער, גענומען דערפון: אינדערמיט פונם צוועלפטן יאָרהונדערט איז אויפגעשטאַנען אין פראַנקרייך אַ גייסטלעכער, מיטן נאָמען סאַנקט־בערנהאַרד און שאַרף קריטיקירט די פילאָזאָפיע בכלל און אַריסטאָטעלעסן בפרט. אויף זיין באַפעל זיינען אַלע אַריסטאָטעלעס ביכער פאַרברענט געוואָרן. דאָס זעלבע וואָס איז פאָרגעקומען לעצטנס אין היטלעריסטישן דייטשלאנד. איז אויך געשען אין סאַנקט־בערנהאַרדס פראנקרייך. די פינסטערע פאנאטיקער האָבן נאָך דער ערשטער שרפה, געמאַכט אן אויטאָ־דע־פע אויף אלע וויסנשאַפטלעכע ביכער אויף וועלכע מע האָט געהאט א פארדאכט אז זיי האָבן א פילאָזאָפישן געדאנק. די חכמי צרפת האָבן נאָכגעטאָן דעם פראַנצויזישן סאנקט בערנארדאָן און גוזר געווען שרפה אויף דעם רמב״מ׳ס ספרים. א טייל היסטאָריקער ווילן זיי — די חכמי צרפת — פאַרטיידיקן מיטן ארגומענט אז ניט פאַר קנאית, נאָר פאַר דער מורא פון טרויעריקע קאָנסעקווענצן, וועלכע קאָנען ארויסגערופן ווערן דורך דעם רמב״מ׳ס ביכער, חושד זיין די אידן אז זיי ברענגען אריין אפיקורסים אין פראנקרייך, דורך זייער לערנען אין די ספרים פון אריסטאָטעלס פילאָזאָפיע. די דאָזיקע מיינונג ווערט אָנגענומען אינם ספר „מלחמות ד״״ פון ר׳ אברהם, דעם רמב״מ׳ס זון. „די ספרים פון הרב הצדיק מיין פאָטער רבנו משה זצ״ל, זיין ספר „מורה נבוכים״, און „ספר המדע״, וועלכע זיינען פון דער קהלה אין מאנטפעליער פארברענט געוואָרן דורך דער פאַראָדענונג פון די קריסטן״. אין דעם דערמאנטן ספר רעדט זיך אויך וועגן דעם

שלעכטן סוף פון די פאַרלוימדער וואָס האָבן געבראַכט צו דער שרפה*); ווען מען וויל אָבער אויף ריכטיק וויסן די סבה וואָס האָט גורם געווען דעם כעס פון די קריסטן אויף דעם „מורה נבוכים“ און „ספר המדע“, מוז מען זאָגן אַז זי איז ניט געווען צוליב דער פילאָזאָפישער שטה אין זיי, א פילאָזאָפיע פון פיזיק און מעטאַפיזיק מיט וועלכער דער רמב״ם האָט זיך באַנוצט, נאָר צוליב זיין מאָנאָטעאיסטישע לערע אין זיי, אין וועלכע ער דערקלערט דאָס אייניקייט, און דאָס געטלעכע געשטאַלט, אַז ער איז ניט קיין קערפּער, און ניט קיין כח אין קערפּער, און מע קאָן אים ניט באַגרייפן מיט די אייגענע חושים ווי מען באַגרייפט א קערפּער; און די דאָזיקע לערע איז קעגן דער קריסטלעכער, מיט דעם באַגריף פון דריי אייניקייט... צום באַדויערן האָבן זיך אויך געפונען אידישע חכמים וועלכע האָבן דער געטלעכקייט צוגעגעבן א גוף, א חומר און א צורה... און דער צאָרן פון די חכמי צרפת אויפן רמב״מ׳ס ספרים האָט אָנגעהאַלטן ביז אין דער צייט, ווען ס׳איז אויפגעשטאַנען א צווייטער גייסטלעכער, טאָמאַס אקווינא, וועלכער האָט זיך אויך אָנגערופן היילי־קער, און האָט פאַרטיידיקט אריסטאָטעלעס פילאָזאָפיע, און פאַרזאָגט זיינע תלמידים זיי זאָלן אַריסטאָטעלעס ספרים שטודירן. דאָס איז געשען אין דער העלפט פון 13-טן יאָרהונדערט. ערשט דעמאָלט איז דער כעס געלאָשן געוואָרן אויך צווישן די חכמי צרפת, און מע האָט אַראָפּגענומען דעם חרם פון רמב״מ׳ס ספרים. פון דער צייט אָן זיינען דעם רמב״מ׳ס ספרים פאַרהייליקט געוואָרן ביי אלע אמתע גדולי ישראל, זיי ווערן געלערנט מיט ערנסטקייט, און מיט גרויס פאַרגעניגן. דער נאָמען מיימאָנידעס איז געערט ניט נאָר ביי אידן נאָר אויך ביי קריסטן. זיין אכט הונדערט יאָריקער יובילייִ ווערט איצט געפייערט אויך אין שפּאַניע, אין דעם לאַנד וואו רבי משה בן מיימון איז געבוירן געוואָרן.

דער רמב״ם האָט אויסער זיין „יד החזקה“, „משנה תורה“, „מורה נבוכים“ און „ספר המדע“, געשריבן פילע אנדערע ספרים.

*) אַ לענגערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער שרפה פון רמב״מ׳ס ביכער וועט דער לייענער געפינען אין אַ באַזונדערן קאַפּיטל מיטן נאָמען: נאָכן רמב״מ׳ס טויט.

קאַפּיטל ז.

קאָן מען באַשולדיקן דעם רמב״ם פאַרוואָס ער האָט ניט געשריבן זײַנע חבורים, אויסער משנה תורה, אין העברעאיש?

דער רמב״ם האָט באַזיצט די העברעאישע שפּראַך ניט נאָר ווי זײַנע צײַט גענאָסן, נאָר אין אַ פּיל גרעסערער מאָס, ווי ס׳איז צו זען אין זײַן משנה תורה, וועלכע איז געשריבן געוואָרן אין דעם שענסטן משנה־סטיל ווי מע פלעגט צו יענער צײַט שרײַבן. מיר וועלן דאָרט דעם רמב״ם אַלס אַ מײַסטער אויף אויסצודריקן ווערטער מיט דער גענויסטער פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער עס קאָן גע־שריבן ווערן אַ קאָדעקס (אַ געזעצבוך) און דאָך האָט ער זײַנע אַנדערע חבורים געשריבן אין אַראַביש. מען קען אָבער דאָך ניט זאָגן, אַז דער רמב״ם האָט נאָכגעטון די אַלע אַנדערע חכמים פון זײַן תקופה, ווי ר׳ סעדיה גאון, אין זײַן „אמונות ודעות״, שלמה בן גבי־רול׳ס „מקור חיים״, ר׳ יהודה הלוי׳ס „כוזרי״, רבנו בחיי׳ס „חובת הלבבות״. יענע האָבן כמעט אַלע זייערע ווערק געשריבן ניט ספּע־ציעל פאַר אידן, און אויך האָבן זיי געוואָלט זייערע ווערק פּאָפּולער מאַכן פאַר אַלע, זיי זאָלן פון אַלעמען געלייענט ווערן. דער רמב״ם האָט ניט געוואָלט אַז אַלע זײַנע ווערק — אויסער משנה תורה — זאָלן פון יעדן איינעם געלייענט ווערן. וועגן זײַן ספר „מורה נבוכים״, שרײַבט ער דאָך דײַטלעך, אַז „ס׳איז ניט אַ בוך פאַר אַלעמען״. דער רמב״ם האָט דאָך באַשוואוירן מען זאָל זײַן ספר „מורה נבוכים״, וועלכן ער האָט געשריבן מיט העברעאישע אותיות, ניט איבער־

שרייבן מיט אַראַבּישע, און דאָך האָט ער געשריבן אין דער אַראַבּישער שפּראַך?

מען קאָן אים אָבער דאָך ניט באַשולדיקן, ווען מען נעמט אין אַכט די ביז גאָר באַשרענקטע צייט וואָס ס׳איז אים געבליבן אויף צו שרייבן. ער זאָל זיינע ווערק ניט געווען אָנשרייבן אין דער טאָג־טעגלעכער שפּראַך זיינע, אין דער שפּראַך וואָס ער האָט כּסדר גערעדט.

„אַ מענטש פאַרנומען — ווי ער שרייבט אַליין — ביי טאָג און ביי נאַכט, ניט נאָר אין דער וואָכן, נאָר אויך אום שבּת, אַז ער האָט קיין צייט ניט געהאַט אפילו צו עסן ווי אַ מענטש דאַרף עסן; אַ מענטש וואָס האָט קיין צייט ניט געהאַט, זיינע שוין אָנגעשריבענע ווערק צו קאָרעגירן און רעדאַגירן, און דערצו — סענסיטיוו, אַז אַלץ וואָס גייט אַרויס פון זיין האַנט זאָל זיין געענוי, און פּינקטלעך, איז ער דעריבער געווען געצוואונגען — ווי געזאָגט — צו שרייבן אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט שוין געהאַט אַ פאַרטיקע טערמינאָלאָגיע; און העבּרעאיש, ווי פיין ער האָט זי געקענט, איז זי דאָך געווען אָרימער — אין זיין צייט — ווי די אַראַבּישע, און עס וואָלט אים אויסגעקומען צו שאַפן נייע ווערטער און נייע באַגריפן, ווען כאָטש דער רמב״ם מיט זיין געניאַליטעט איז מסוגל געווען אַזעלכע צו שאַפן. און מיר קאָנען מיטפילן מיט אים, ווען ער אַליין באַקלאָגט זיך אויף דעם געצוואונגענעם געבּרויך פון אַראַבּיש.

אין אַ בּריוו צו די חכמי לונעל אין דרום פראַנקרייך, דריקט ער זיך אויס מיט די ווערטער: „הלואי וואָלט איך אַזוי צופרידן געווען מיט מיין געזונט, ווי אין די פריערדיקע יאָרן, ווי איך וואָלט אייך געוואָלט צופרידנשטעלן, און נאָכגעבן אייער פאַרלאַנג, בּנוגע דעם „מורה נבוכים״ און אַנדערע מיינע ספרים, וואָס איך האָב פאַרפאַסט אין דער שפּראַך פון די טונקל־הויטיקע, וואָס האָבן פאַרטונקלט מיינע הימלען... אין די געצעלטן פון חם האָב איך געוואוינט, און מיט זייער שפּראַך באַין ברירה זיך באַנוצט... ווי גרויס וואָלט מיין שמחה געווען, ווען איך וואָלט געקענט די גזלה צוריקגעבן צו די אמתע בעלי הבּתים... אָבער די צייט, צו מיין גרויס באַדויערן און טיפן שמערץ, דערלויבט מיר ניט...״

דער רמב״ם האָט ליב געהאַט די העברעאישע שפּראַך ווי זיין לעבן. ער האָט אָבער דאָך ניט געוואָלט אַז מענטשן זאָלן זי פאַר־שוועכן מיט דברים בטלים. און אָט וואָס ער דערקלערט אין זיין פּירוש צו מסכת אבות:

„איך האָב באַמערקט, אַז דוקא ערלעכע אידן, זקנים און חסידים, ווען זיי געפינען זיך אויף אַ סעודת מצוה, אַ חתונה, אָדער אַן אַנדערע סעודה, און עמיצער וויל זינגען אַן אַראַביש ליד, אין וועלכן עס ווערט אויסגעדריקט טאַפּפערקייט, פרייוויליקייט, אָדער סתם אַ וויין ליד א. ד. גל., דערלויבן זיי עס ניט. זינגט מען אָבער אין העברעאיש, מעג דאָס ליד זיין ווי נאַריש, ווי אינהאַלטסלאָז און אומגעלומפּערט, זיינען זיי צופרידן. אין דער אמתן אָבער איז די העברעאישע שפּראַך ניט געשאַפן געוואָרן פאַר נאַרישקייטן. נאַ־רישקייט ווערט ניט פאַר׳חכמה׳ט און פאַרהייליקט מיט דער הע־ברעאישער שפּראַך. אַ שפּראַך קאָן ניט הייליקן דעם אינהאַלט״.

זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז די ווערטער פונם רמב״ם זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין דער צייט פון דער דיאַספּאָראַ (גלות) אין וועלכער העברעאיש איז געווען פאַרשלאָסן אין בית המדרש, און פאַרהייליקט געוואָרן אין די הייליקע ספרים. אין אונזער צייט אָבער, איז אַ גרויסע ענדערונג געקומען. מיטן תחית העם, איז אויך געקומען די תחית השפה, ווי אין דער צייט, ווען די שפּראַך איז גערעדט געוואָרן אויך אין טאָג־טעגלעכן געברויך. מען דאַרף זי אָבער ניט פאַרשוועכן אויך איצט מיט נאַרישע שירים און אַנדערע נאַרישע פּזמונות. אויך איצט דאַרף מען די העברעאישע שפּראַך ניט באַנוצן צו זידלען זיך מיט מיאוסע אויסדריקן, אָדער אויף ציניש וויצן.... „אויף אַן אומווירדיקן אינהאַלט — זאָגט דער רמב״ם — איז נאָך ערגער, ווען מען באַנוצט די הייליקע שפּראַך״. און אין די ווערטער מעג מען זיך אויך איצט, ביי דער „תחית השפה״ האַלטן.

קאפיטל ח.

דעם רמב"מ'ס פאַמיליען - לעבן. זיין מעדיצינישע פּראָפעסיע

ווי שוין געשריבן, האָט דער רמב"ם, געפינענדיק זיך אין מצרים, פיל געליטן די ערשטע צייט פון נויט, אָרעמקייט און קראנקהייט. איבערהויפּט האָט ער זיך ניט געקענט אַ לאַנגע צייט טרייסטן איבער דעם טויט פון זיין ליבן ברודער רבי דוד וועלכער האָט פארלוירן זיין לעבן אין אינדישן ים. און ערשט פונם יאָר תתק"מה האָט די הצלחה אָנגעהויבן צו באווייזן זיך פאַר אים.

נאָכדעם ווי זיין ערשטע פרוי איז אים אָפּגעשטאָרבן, האָט דער רמב"ם גענומען פאר א פרוי די טאָכטער פון אַן אָנגעזעענעם מאַן אין מצרים מיטן נאָמען אַבול מאאלי, דער סעקרעטאַר פון איינער פון דעם סולטאַן סאַלאַדינס חשובסטע פרויען, און זי האָט אים געבוירן זיין זון אברהם, וועלכער איז געוואָרן זיין טרייסט אויף זיין עלטער. זיין שווער אבול מאאלי האָט גענומען דעם רמב"מ'ס אַ שוועסטער פאַר אַ פרוי. צו דער צייט האָט דער רמב"ם צוגעצויגן צו זיך אַלס תלמיד איינעם פון די גרעסטע געלערנטע מיטן נאָמען רבי יוסף בן יהודה אבן עקנין, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן אין אַראַביש מיט דעם לאַנגן נאָמען: יוסיף-אבן יחייא-אבן-שומון אלסאבאטי אל מאנהרעבי.

ר' יוסף עקנין איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סאבטא אין מאנהרעב (צפון אַפריקע) ביים מיטללענדישן ים. אַ דאַנק די שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען פונם אלמוהאדישן סולטאַן עבדול מומען, האָט ער געטראָגן אויף זיך די מחמדנישע מאַסקע. ר' יוסף עקנין,

איז חוץ גרויסער קענער אין מעדיצינישער וויסנשאַפט און אַלגעבראַ, אויך געווען אַ תלמודיסט, און גרינטלעך פאַרשטאַנען די העברעאי־שע ליטעראַטור. ווען ער איז געקומען קיין מצרים, איז ער געוואָרן אַ איד אין דער עפנטלעכקייט, און באַזעצנדיק זיך אין אַלעקסאַנ־דריע, האָט ער קאָרעספּאָנדירט מיטן רמב״ם און אים געשיקט זיינע שירים וואָס ער האָט פאַרפאַסט. דעם רמב״ם זיינען זיי זייער גע־פעלן, און ער האָט אים איינגעלאַדן צו קומען צו אים קיין צוען מצרים (פוסטאַט). פון אים האָט זיך דער רמב״ם נאָך מער פאַר־פאָלקאָמט אין דער מעדיצין. און נאָך צוואַנציק יאָר וואוינענדיק אין מצרים, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער מעדיצין. ער איז געוואָרן דער הויף־דאָקטאָר פון סאַלאַדינס וויזיר אל פאַד־האל; און אָט ווי דער רמב״ם שרייבט צו ר׳ שמואל אבן תיבון, וועל־כער האָט איבערזעצט דעם „מורה נבוכים״:

„איך וואוין איצט אין דער אַלטער שטאָט קאַירא. דער קעניג וואוינט אין אַלקאַירא. צווישן די צוויי שטעט איז אַ מרחק פון צוויי תחום שבת. און איך מוז אומבאַדינגט קומען צו אים אַלע פרימאָרגן, און ווען ער, אָדער אפילו איינער פון דער קעניגלעכער פאַמיליע געפינט זיך שוואַך, פאַרבלייב איך שוין דאָרט ביז נאָך האַלבן טאָג. אומקערנדיק זיך אַהיים, אַן אויסגעהונגערטער, טרעף איך שוין דאָס הויז געפּאַקט מיט קראַנקע, גויים און אידן, גוטע פריינט און אויך שונאים. איך לאָז מיך אַראָפּ פון דער בהמה אויף וועלכע איך רייט, און נאָכן באַגריסן זיך בעט איך אַנטשולדיקונג אויף געציילטע מי־נוטן, ביז איך וועל מיט עפּעס איבערכאַפּן דעם הונגער; גלייך נאָכ־דעם גיי איך אַרויס צו זיי. אונטערזוך יעדן באַזונדער, און פאַראָרדן די רפואה וואָס איז נויטיק פאַר זיין קרענק. און איך בלייב אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז מיר איז שווער אַ וואָרט אַרויסצורעדן. מיט איי־נעם וואָרט, קיינער איז ניט אומשטאַנד מיט מיר צו רעדן, אויסער שבת, ווען עס קומען זיך צונויף, גלייך נאָך דער תפלה, די מתפללים, און מיר פאַרברענגען אַ פּאָר שעה״.

דער רמב״ם האָט אויך געשריבן מערערע מעדיצינישע ביכער. מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען די מער וויכטיקע: אָפּקורצונגען פון זעכצן גאַלענאָ׳ס מעדיצינישע שריפטן, וועלכע האָבן צו יענער צייט

געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. אין „פרקי משה", האָט ער געמאַכט באַמערקונגען און שאַרפע קריטיק אויף פינף מעדיצינישע ביכער פון פאַרשידענע מחברים. מעדיצינישע אָפּהאַנדלונגען אין בריוו-פאָרמע, געשריבן אויפן באַפעל פון סולטאַן סאַלאַדין און די צוויי הערשער נאָך אים: מאלך על אזיז און מאלך על אפדאל. אין איין בריוו באַהאַנדלט ער די מעדיצין בנוגע פאַרשידענע טויטלעכע גיפטן. די דאָזיקע בריוו האָט ער געשריבן אויפן באַפעל פון גרוים-וויזיר על אפדאל, וועלכער האָט אים פאַראָרדענט די דאָזיקע אַרבעט צוליב דעם טויט-פאַל פון איינעם, וועלכער איז געביסן געוואָרן פון אַ גיפטיקע שלאַנג און די דאָקטוירים פון יענער צייט האָבן נישט געוואוסט וועלכע מעדיצין צו געבן קעגן דעם גיפט. דער רמב"ם האָט אויך אָנגעשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן סאַניטעט און היגיענע.

קאַפּיטל ט.

דעם רמב״מ׳ס ספרים אויף פאַרשידענע געביטן

ווי שוין געזאָגט, האָט דער רמב״ם צו זיין דריי און צוואַנציק יאָר עלטער, געשריבן זיין ערשטן חבור מיטן נאָמען „חשבון העבור״. אין דאָזיקן ווערק איז שוין צו מערקן זיין ליבע צו אָרדענונג און טיפע לאָגיק. אין דער זעלבער צייט איז ער אויך צוגעטרעטן צו דער ריזן אַרבעט, צו זיין פירוש אויף די ששה סדרי משנה. זיבן יאָר האָט ער געאַרבעט איבער דעם פירוש. דער רמב״ם דריקט זיך אויס וועגן זיין גייסטעקער אַרבעט מיט די ווערטער: „וואָס ס׳איז אויף אונז נגזר געוואָרן פון גאָט, גלות, וואַנדערונג, אין פאַרשידענע לענדער, און אין די זעלבע וואַנדערונגען, האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן דעם ספר. איך בין דעמאָלט אַלט געווען דריי און צוואַנציק יאָר, און געענדיקט אים אין מצרים אַלט ווערנדיק דרייסיק יאָר. אין דער זעלבער צייט אויך געשריבן פאַרשידענע הלכות און פירושים, און סרוב פון זיי געשריבן אויף די שיפן״. אין דער צייט פון זיין וואַנדערן האָט ער מיט זיך ניט געהאַט ניט די ספרי התלמוד, און ניט די אַנדערע ספרים פון גאונים, וועלכע האָבן זיך געפאָדערט צו זיין גייסטיקער אַרבעט, און ער האָט אַלעם געשריבן מיט דעם כח פון זיין זכרון. און אזוי איז צו זען, אַז אַלע ששה סדרי משנה און ביידע תלמוד׳ס, און די ספרי גאונים זיינען געלעגן אין זיין מח ביבליאָטעק, און פון דאָרט האָט ער זיי גענומען.

דער צוועק פון דעם פירוש אויף די ששה סדרי משנה איז, אַז דער לערנער זאָל לייכט אויסגעפונען די ריכטיקע באַדייטונג פון דער משנה, און איר מסקנה צו דער הלכה. דער רמב״ם איז אויסן

געוועזן מיט זיין פּירוש, ערשטנס: צו דערקלערן מיט אַ סגנון, וואָס האָט ווייניק ווערטער און אַן אויספּירלעכע דערקלערונג דעם תּוכן פון דער משנה כּדי ניט צו דאַרפן אָנקומען צום אריכות פון ווערטער אינם תּלמוד, וועגן אַ דערקלערונג צו דער משנה; צווייטנס: צו דער־וויסן זיך די מסקנה (אויספיר) פון דער משנה צו דער הלכה; דריטנס: די משנה מיטן פּירוש צוזאַמען זאָל בלייבן אין זכרון פון די לומדים. דער פּירוש אויף דער משנה, איז די ערשטע געמאַכטע פּראָבע צו לערנען מיט אַ וויסנשאַפטלעכן סיסטעם, אויף צו פאַרשטיין די משנה אָן פאַרשידענעם פּלפּול. אַזאַ גייסטיקע אַרבעט האָט נאָר געקאָנט געמאַכט ווערן דורך אַ חכם מיט אַ טיפן פאַרשטאַנד און אַ לויטערן שכל, ווי דער רמב״ם, וועלכער האָט מיט זיין וויסנשאַפטלעכן ריכטשנור געמאָסטן יעדעס וואָרט אין דער משנה, און עס אויף דעם געהעריקן אָרט אַנידערגעשטעלט. די הקדמה פונם רמב״ם צום „סדר זרעים״ איז אַ „מבוא״ (אַריינגאַנג) צו דער גאַנצער משנה; מיר דערוויסן זיך פון איר די עקרים פון דער תּורה שבעל פּה, און דעם סדר פון דער קבלה. ער האָט נאָך אויך געמאַכט הקדמות און מבואות צו פאַרשידענע מסכתות און אין זיי אַלע איז צו זען דאָס גרויסע בקיאות פונם רמב״ם, און די גלייכע ריכטונג וועלכע ער האָט איינגעפירט אין דער משנה, כּדי לערנער זאָל ניט דאַרפן בלאָנדזען און אָפּגויגן פונם גלייכן וועג...

אַ באַזונדער ליבשאַפט פילט דער רמב״ם ווען עס קומט אויס צו באַהאַנדלען אין זיין פּירוש, אַן ענין וואָס האָט אַ וויסנשאַפטלעכע פאָרמע און אַ וועלט־וויסנשאַפטלעכע געשטאַלט. אַן ענין וואָס דאַרף דערקלערט ווערן דורך מאַטעמאַטיק, אַלגעבראַ, אַסטראָנאָמיע, פיזיאָלאָגיע און אַנאַטאָמיע. און אויך ווען עס האַנדלט זיך וועגן מאָראַל־לערע און פילאָזאָפיע. דאָרט איז דער רמב״ם אין זיין אייגענער וועלט און אין זיין אייגן הויז... דאָרט איבערצייגט ער, אַז די טרעגער פונם יהדות און פון דער מסורה, זיינען אויך געוועזן די טרעגער פון אַלוועלטלעכע וויסנשאַפטן; דער רמב״ם גיט זיך מער אָפּ אין זיין פּירוש המשניות צו די משנות וואָס אַנטהאַלטן אין זיך אגדות. אויף אַזעלכע משנות האָבן די מפרשים פאַר אים,

קײן אַכט ניט געלײגט, און נאָר — װי מען זאָגט — יוצא געװען מיט זײער פּירוש. דער רמב״ם אָבער, װען ער קומט צו אַ משנה מיט אַן אגדה, דערגרונטעװעט ער דעם טיפן רעיון אין איר, און מיט ליבע באַלײכט ער זי מיט זײן פּירוש אויף אַלע זײטן.

איך האָב אין קורצן געבראַכט אַן אויסצוג פון דער היסטאָריע בנוגע זײן פּירוש אויף דער משנה. מער אויספירלעכער קען יעדער געפינען אין גרעצ׳ס היסטאָריע אינם קאַפּיטל: „רבנו משה בן מײמון, ופירושו על המשנה״. איך װעל דאָ נאָר אין קורצן אָנדײטן די שטה װאָס דער רמב״ם האָט גענומען אין זײן צוזאַמענשטעלן דאָס ריזיקע װערק „יד החזקה״, אָדער משנה תורה. אין זײן הקדמה צום ספר המצוות דריקט ער זיך אויס מיט די װערטער:

„פונם אָנפאַנג בין איך געװען מסופק אויף װעלכן אופן מסדר צו זײן די משנה תורה, צי זאָל איך זיך האַלטן אינם סדר פון דער משנה, אָדער אָננעמען אַן אַנדער סדר; נאָך מער עיון בין איך געקומען צום באַשלוס צו אײנטײלן אים אין הלכות, װעלכע דער ענין זײערער גיט צו, אַז זײ דאַרפן צום ערשטן קומען, און זײ זײנען מער ראוי צו דעם. און איך האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז אײן מצוה דאַרף זיך ניט טײלן אין צװײ באַזונדערע ענינים, יעדער ענין אַ באַזונדערן דין״. און אַזױ איז צו זען אינם סדר אַ פּעדאַגאָגישע, און אויך אַ טעאָלאָגישע שטה אין אײן ענין. צום בײשפּיל: די הלכה פון „איסורי ביאה״ (חתונה צו האָבן מיט ניט דערלויבטע קרובים) האָט געדאַרפט קומען אין דער אָפּטײלונג פון „סדר נשים״, װײל עס רעדט זיך דאָך אין ענינים פון משפחה און אישות. נאָר אַזױ װי אין דער תורה איז געשריבן „קדושים תהיו״ נעבן עריות, װײל דאָס אָפּהיטן זיך פון עריות הײליקט דעם נפש, און בײ מאכלות אסורות שטײט אויך דאָס װאָרט קדושים, װײל מאכלות אסורות, פאַראומװירדיקט דאָס נפש, און דעריבער האָט דער רמב״ם כולל געװען די בײדע הלכות אין „ספר קדושה״. און אַזױ אויך האָט ער כולל געװען אין אײן ספר „הפלאה״ די דינים פון שבועות, עדות, דינים װעלכע האָבן אַ שײכות מיט דיני ממונות, צוזאַמען מיט די

שבועות, און נדרים וועלכע גייען אריין אינם גדר פון אסורים*).
ווען דער רמב"ם האָט אַלע זיינע ספרים געשריבן אין אַראַביש, אפילו דעם פירוש המשניות, האָט ער אָבער דאָס קאָלאָסאַלע ווערק משנה תורה געשריבן אין העברעאיש. און ווען אויך מיר פילן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין זיינע ווערק, וועלכע זיינען זאָגאָר איבערזעצט געוואָרן פון אַראַביש אויף אידיש, פילן מיר נאָך אַ גרעסער פאַרגעניגן אינם ספר משנה תורה, און ס'איז גאָר ניט אָפּצושאַצן די ווערט פונם ווערק און די שיינקייט פון דער שפּראַך.

*) זע וועגן דעם ענין אינם קאַפּ. י"א וועגן דעם מקור פון זיינע הלכות.

קאַפּיטל י.

דעם רמב״ם׳ס טעאָלאָגישע פילאָזאָפיע און זיין ספר „מורה נבוכים״

פיל, זייער פיל זיינען געווען די קריטיקער אויף דער פילאָזאָפישער שטה, אין וועלכע עס האָבן זיך געהאַלטן די חכמים פון די ערשטע צייטן. זיי האָבן די אָנהענגער באַשולדיקט אין פאַרבלאָנדזעניש, אין אָפּקערונג פון אמת׳ן וועג. אַן אומגליק איז די פילאָזאָפישע שטה פאַרן יהדות. דער פילאָזאָף אין אַלעקסאַנדריע ידידיה — פילאָן — האָבן די קריטיקער געזאָגט — האָט אַרויפגעצויגן אויפן יהדות אַ פילאָזאָפישן מאַנטל גענומען ביי פּלאַטאָנען, און דעם פנים אָנגעטון אַ מאַסקע פון טיפזיניקע ויכּוחים כּדי ניט צו דערקענען דאָס אמת׳ע פנים פונם יהדות. דאָס געשריבענע אין דער תּורה האָבן זיי פאַרקרומט מיט אַלעגאָרישע דרשות, אויף וועלכע עס זאָגט ר׳ סעדיה גאון, אַז זיי ברענגען אַריין אַ צעמישונג מיט זייערע פאַרקרומטע אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען, און זיי זיינען מבטל די מצוות. צום ביישפּיל, אויפן פּסוק: „ולא יאכל חמץ״ זאָגן די אַלעגאָריסטן אַז עס מיינט אַז מען זאָל ניט מזנה זיין... און זיי שטיצן זיך אויפן פּסוק: „כולם מנאפים כמו תנור בוערה מאפה, ישבות מעיר מלוש בצק עד חומצתו (אַלע זיינען זיי נואפים, ווי אַ הייסער אויוון פון אַ בעקער, וועלכער רוט נאָר פונם פאַרקנעטן דאָס טייג ביז עס ווערט זויער (חמץ)״. אויפן פּסוק: „לא תבערו אש״ — מיינט מען זאָלסט ניט אָנצינדן אַ פייער פון מלחמה; די צוועלף אידישע שבטים טייטשן זיי אויף די צוועלף מזלות; די אַרבע אמהות

אויף די פיר נאַטור יסודות; פּרעה איז אַ רמז אויף עראָטישע ליי־דנשאַפט, משה — אויף אַ גוף, גושן — דאָס האַרץ, און נאָך אַזעלכע אַלעגאָרישע שטותים. די אַלעגאָריע, זאָגן די קריטיקער — און מיט רעכט — איז אַ פרעמדע אונווירדיקע צווייג אין ישׂראלס גאָרטן. פון פערסיע, בבל, מצרים, גריכנלאַנד און רוים האָט מען זי גע־בראַכט. דער רמב״ם אָבער, וועלכער האָט געלעבט אין דער תקופה פונם אַראַבישן רענעסאַנס, ווען די אַראַבער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פאַרשידענע חכמות, קונסט און וויסנשאַפט, און אין דער צייט, ווען עס האָט געהערשט אַריסטאָטעלס פילאָזאָפיע, ווען אויך ער איז געווען אַן אָנהענגער פון זיין שיטה, און אויך פאַרשפרייט זיינע פי־לאָזאָפישע געדאַנקען, האָט ער אָבער געוואוסט — ווי שוין געזאָגט — צו באַגרענעצן זי. ער האָט נאָר מסכים געווען מיט די פילאָזאָ־פישע געדאַנקען, וועלכע שאַטן ניט דעם אידישן דת. דער רמב״ם האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען ווי צו שעצן דעם כאַראַקטער און איינגנשאַפט פונם אידישן דת פון דעם מקור און שורש, און די אַנט־וויקלונג אין דער אידישער היסטאָריע. דעם רמב״מ׳ס האַרץ האָט געוויטאָקט אויף דעם פסולת וואָס איז אַריינגעפאַלן און זיך פאַר־מישט מיט דאָס בעסטע און טייערסטע, אינם משך פון אַ צייט, פון פאַרשידענע פאַרטייען, און דאָס פסולת האָט ער מיט גרויס חכמה אָפּגעטיילט און ארויסגעוואָרפן. ווירקלעך, דער רמב״ם האָט פאַר־געטערט אַריסטאָטעלסן, און זיין מיינונג וועגן זיין שיטה איז די זעלבע פונם גרעסטן אַראַבישן פילאָזאָף אבן־סינא. אָבער אין זיין האַרץ איז געווען איינגעוואָרצלט די ריינע אמונה אין תורת משה, אַז זי איז אַ תורת אמת; און ווען ער האָט פאַרשטאַנען אַז די פי־לאָזאָפישע שיטה פון אַריסטאָטעלעס לערנט צו אָנערקענען דעם איינ־ציקן גאָט, אַז ער איז דער פאָטער פון אַלע וועזנס, און ער איז זייער פירער, האָט ער די שיטה מיט ענטוזיאַזם אָנגענומען, ווייל זי איז דאָך צוגעפּאַסט צו תורת היהדות, וועלכע לערנט אויך דאָס זעלבע. און אין זיין ספר „מורה נבוכים" האָט ער מיט אַריסטאָטעלס לאָגישע פילאָזאָפיע דערקלערט די טעאָלאָגישע שיטה. ער האָט דעם „מורה נבוכים" איינגעטיילט אין פיר טייל. אין דער ערשטער טייל באַ־האַנדלט ער די „ שמות המשותפים" (צוויי דייטיקע) און די זאַכן

וועלכע האָבן אַ שייכות צו זיי; און אין די תוארים (ביי וואָרט) וועלכע מע האָט מיחס געווען צום בורא. פון מציאות הבורא, און זיין אחדות, אַז ער איז ניט קיין גשם, און אויך וועגן חדוש העולם, אַז די וועלט איז ניט קיין קדמון. אין דער צווייטער טייל: פילאָזאָפישע הנחות, וועגן מציאות און אחדות, און די באַזייטיקונג פון גשמיות ביים בורא, און עניניס וועגן מלאכים און גלגלים, מיט וועלכע די פילאָזאָפישע איבערזיכט, איז ניט קעגן דער תורה און נביאים; עס רעדט זיך דאָרט אויך וועגן דער נבואה בכלל, איר אַנטוויקלונג און איר קראַפט. אין דער דריטער טייל ווערט באַהאַנדלט מעשה מרכבה, מעטאַפיזיק אָדער טעאָגאָניא און נאָך עניניס וועגן חומר און צורה.

דאָס איז אין קורצן די שיטה פונם „מורה נבוכים". די לערע אָבער מוז מען שטודירן ניט על רגל אחת. און — ווי שוין געזאָגט די מפרשים האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט, דער איבערזעצער אבן תיבון האָט געווים פאַרשטאַנען דעם „מורה נבוכים", און ער האָט באַקומען אַ יישר כח פונם רמב"ם פאַר זיין איבערזעצונג. די שפּראַך איז אָבער אַזעלכע וואָס די חוקרים צו יענער צייט האָבן מיט איר געשריבן, און נאָר אַזעלכע וועלכע זיינען גוט באַקאַנט מיט איר, פאַרשטייען דעם „מורה נבוכים".

קאפיטל י"א.

דער מקור פון רמב"מ'ס הלכות און זייער סדר

דר. חיים טשערנאָוויץ (רב צעיר) שרייבט וועגן די „מקורי הלכות" פונם רמב"ם מיט די ווערטער:

„אין זיין שיטה איז דער רמב"ם געווען א יחיד אין זיין עפּאָכע, וועלכער האָט זיך דערנענטערט מיט אַ געוויסער מאָס צו די ערשטע קוואַלן פון דער הלכה, פון דער משנה. די אַרט ווי אַזוי ער האָט פאַרשטאַנען די משנה איז זיין דערקלערונג אין זיין פירוש המשניות. ער האָט ווי ווייט מעגלעך געפונען פאַר וויכטיק צוצוּפּאַסן די משנה מיט דער גמרא. אָבער דאָרט וואו די גמרא שטימט ניט מיט דעם פשט פון דער משנה, האָט ער זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו געבן זיין פירוש אויף דער משנה קעגן דער גמרא. דער רמב"ם, וועין אויך ער האָט באַקומען אַ גרויסע השפעה פון די „קבצי הגאונים", האָט דאָך מיטן סדר פון די הלכות זיך געהאַלטן אינם סדר המשנה, וועין ער האָט פאַרשטאַנען, און האָט זיין אייגענעם דרך געהאַט און אָפּגענייגט פון דעם סדר המשנה.

דער רמב"ם שטעלט פריער קריאת שמע פאַר תפלה, און מיטן דין דאַרף תפלה פריער געשטעלט ווערן, ווייל קריאת שמע איז דאָך א חלק פון תפלה. מען קען דאָ ניט אָנגעבן דעם מאָטיוו צוליב דעם סדר היום, און קריאת שמע איז דאָך פאַר זמן תפלה. ווייל נאָך דעם מאָטיוו וואָלט ער דאָך געדאַרפט מקדים זיין תפלין פאַר תפלה, ווייל די צייט אויף זיי צו לייגן, איז ביים רמב"ם אין דער צייט פון קריאת שמע. דאָ איז אָבער דעם רמב"ם געפעלן דער סדר פון דער משנה, וועלכע האָט אָנגעהויבן פון קריאת שמע.

אויך בײ הלכות חמץ איז ער מסדר צוערשט די כללים פון אסור חמץ, נאָכדעם — בדיקת חמץ, װײטער — תערובת חמץ, און צולעצט דעם גוף אסור חמץ, דאָס װיל זאָגן װעלכע מינים זײנען מהמיצים. די לאָגיק װײזט, אַז צוערשט האָט געדאַרפט קומען דער עיקר פונם איסור חמץ, און נאָכדעם ערשט בדיקת חמץ, װעלכעס איז אַ פּרט, און נאָר אַ מדרבנן ניט מדאוריתא, און עס װאָלט געדאַרפט קומען גאָר צו לעצט.

דער רמב״ם איז דאָ אויך געגאַנגען נאָכן סדר פון דער משנה װעלכע הױבט זיך אָן פון בדיקת חמץ. ער האָט אָבער אויך געהאַט זײן אײגענעם דרך, און זיך ניט גערעכנט מיטן סדר פון דער משנה און גמרא.

הלכות ברכות און הלכות תפלה, זײנען מסודר אין אײן מסכת ברכות, און זײ זײנען דאָך פּאַסנד מיט זײערע ענינים; דער רמב״ם אָבער צעטײלט זײ אויף צװײ באַזונדערע הלכות, און איז מסדר צװישן די בײדע הלכות תפלין, מזוזה, ספר תורה און ציצית. דער רמב״ם האָט דאָ געהאַט זײן אײגענעם דרך: „דער מענטש װען ער שטײט אויף, לײענט ער צוערשט קריאת שמע, לײגט תפלין און דאַװנט. גײט אַרויס פון שול טרעפט ער זיך אָן מיט דער מזוזה, נאָכדעם קובע עתים אויף תורה, און נאָכדעם ערשט איז ער קובע זײן סעודה, און איז מקײם ברכת הנהנין״.

אינם סדר זרעים איז ער מסדר די הלכות ניט נאָכן סדר המשנה. דער סדור איז אויף דעם אופן: כלאים, פּאה, מתנת עניים, תרומות און מעשרות, מעשר שני, דמאי, בכורים, חלה, שמיטה און יובל.

אין דעם סדור פון הלכות שבת, האָט ער אויך זײן דרך. ער הױבט אָן פון „הוצאה״, און גלײך די מלאכות װאָס הױבן זיך אָן ערב שבת, װי הדלקת הנר, הטמנה (באַהאַלטן דאָס עסן אויף שבת), און קערט זיך צוריק צו דער הוצאה פון בהמה און אשה, און נאָכדעם „אבות מלאכות״, ניט אין אַ גלײכן סדר װי אין דער משנה...

איך האָב נאָר געבראַכט אײניקע דוגמאות, אין װעלכע דער רמב״ם האָט זיך גערעכנט פאַרן אויטאָריטעט צו מסדר זײן די הלכות נאָך זײן שקול הדעת, ניט צו רעכענען זיך מיט די אָנפאַלן

פון זיינע קעגנער וועלכע זיינען ניט וויניק געווען: „זאָלן זיי אָנ־פאַלן וויפיל זייער קנאַי'דיק האַרץ גלוסט. און איך וועל גיין אין דעם וועג וואָס איך האָב פאַר זיך אויסגעטרעטן. איך גיי מיטן אמת און איך וועל קיינעם ניט נושא פנים זיין". און אזוי איז ער אָנגע־גאַנגען מיט זיין חבור „משנה תורה". און אַזוי ווי ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו מפרש זיין די משנה קעגן דער גמרא, אַזוי אויך האָט ער צומאָל דערקלערט אַ גמרא קעגן דער משנה. ווען עס זאָגט זיך אין דער גמרא: „תני הכי" אָדער „חסורי מחסרא", און צום ענדערן די ווערטער אין דער משנה, האָט דער רמב"ם צוגעשטימט. ווען מען האָט אים געפרעגט, ווי אַזוי קאָן די גמרא זיין אין ספק אינם נוסח פון דער משנה וועגן דאָס וואָרט: „הניזונית" אָדער „ניזונית", די משנה איז דאָך פאַר אונז... האָט ער געענטפערט:: איז דען די משנה א ספר תורה וואָס אין איר איז ניטאָ קיין „חסר" און „יתר". ווי אַזוי קאָנען מיר וויסן ווי אַזוי רבנו הקדוש האָט געשריבן „הניזונית", אָדער „ניזונית". דאָס קאָן מען וויסן פון די סופרים און ניט פון די ספרים...

תלמוד ירושלמי

דער רמב"ם האָט אָפּגענייגט פונם דרך אין וועלכן עס זיינען געגאַנגען זיינע רבים — די גאונים וועלכע האָבן דעם תלמוד ירושלמי געהאַלטן פאַר אַ כלי שני צום תלמוד בבלי. „ביים רמב"ם — זאָגט דער רב צעיר — שטייט דער תלמוד ירושלמי ניט אויף קיין קלענערער מדרגה ווי דער תלמוד בבלי".

די גאונים

די גאונים זיינען געווען ביים רמב"ם ביז גאָר א גרויסע באַזע צו זיין חבור משנה תורה, ער איז סומך אויף זייערע רייד, אָבער נאָר אַלס מפרשים פונם תלמוד. און ניט אַלס געזעץ שאַפנדע, און גזרות אַרויסגעבער. און אַזוי געפינען מיר אין זיין הקדמה צו משנה תורה, אַז נאָר די גמרא האָט דעם כח אַרויסצוגעבן געזעצן און גוזר זיין גזרות, ווייל זיי האָבן די הסכמה דערויף פונם כלל ישראל.

זיין שיטה

ווען זיין שיטה און אויסערלעכן סדור, שרייבט דער רמב״ם אין איינער פון זיינע תשובות צו די חכמי לונעל, די ווערטער:

„איך האָב געמאכט צוויי אויפלאַגן: די ערשטע אויפלאַגע איז דאָס גייסטיקע קינד וואָס איך האָב פון מיין האַרצן אַרויסגעבראַכט, נים צו באַנוצן זיך מיט פרעמדער הילף; די צווייטע אויפלאַגע האָב איך מיך שוין באַנוצט מיט פרעמדער הילף. איך האָב מערערע מאָל איבערזיצט און גוט נאָכגעדענקט אַלעס וואָס איך האָב געהערט, אויב עס שטימט מיט ספרים.

זיינע געגנער און זיינע מפרשים

צווייערליי געגנער האָט דער גרויסער געלערנטער געהאַט: אַזעלכע וואָס זיינען געווען געגן זיינע אידעען און אַנדערע וואָס זיינען געווען מחלק מיט זיינע הלכות. און מעגלעך, אַז די לעצטע וואָלטן ניט געווען געגן זיינע הלכות, ווען ניט דער מחבר פון „המורה״ און „המדע״, זאָל ניט געווען זיין דער מחבר פון משנה תורה.

דער גרעסטער געגנער פון זיינע אידעען איז געווען דער ראב״ד (אברהם בן דוד).

מערערע פירושים זיינען געשריבן געוואָרן אויפן רמב״מ׳ס חבורים. דער רוב פון זיינע מפרשים זיינען געווען געגן דעם דרך אין וועלכן ער איז געגאַנגען און וועלכן ער האָט פאַר זיך אויסגעטרעטן. זיי — די מפרשים זיינע — האָבן אָנגענומען אַ פּלפּול׳דיקן סיסטעם, אַ סיסטעם צו וועלכער דער רמב״ם איז געווען ביז גאָר דאַגעגן.

פון די מפרשים, די בעסערע, וועלכע האָבן דעם פלפול סיסטעם ניט אָנגענומען זיינען געווען דער מגיד משנה, כסף משנה און מגדל עוז.

דעם רמב״מ׳ס גייסטיקע געשטאַלט

אויבן איז שוין דערמאָנט געוואָרן דעם רמב״ם׳ס עניוות. אָבער

דאָרט וואו מיר דערוויסן זיך פון זיין ענווות, דערוויסן מיר זיך אויך פון זיין קנאית, ווען אויך ניט קיין עקסטרעמע.

„וואָס וויל זאָגן „דעת אלהים" — פרעגט דער רמב"ם — און גיט דערויף דעם ענטפער: מע קען ניט לויבן גאָט, סיידן דורך „דעת" מען זאָל אים פאַרשטיין. נאָכן דעת, קאָן זיין די ליבע, מער אָדער ווייניקער. און דעריבער — זאָגט דער רמב"ם — דאַרף דער מענטש זיך באַמיען צו דערווערבן חכמות, כּדי דורך זיי צו זיין אומשטאַנד צו משיג זיין זיין באַשעפער; און ווי רופן זיך די חכמות? פיזיק און מעטאַפיזיק, מעשי בּראשית און מעשי מרכבה. (מדע פ"ד משנה י' י"ג).

און ווייל אונזערע חכמים האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דבר גדול — איז מעשי מרכבה און דבר קטן — הויות פון אביי און רבּא, איז דערפון צו פאַרשטיין, אַז נאַטור־וויסנשאַפט און טעאָלאָגיע שטייען אויף א גרעסערער מדרגה פון דינים און הלכות, פון אסור און מותר, כּשר און פסול, טהור און טמא. און אין „מורה נבוכים" גיט אונז דערויף דער רמב"ם אַ משל: צו אַ קעניג, וועלכער געפינט זיך אין זיין פּאַלאַץ, און זיינע קנעכט וועלכע האָבן ניט איינעם און דעמזעלבן באַשטאַנד צו זען דעם קעניג. אַ טייל געפינען זיך חוץ למדינה און אַ טייל אין דער מדינה. די וואָס זיינען חוץ למדינה זיינען די וואָס האָבן גאָר קיין אמונה ניט, און די אין דער מדינה, נאָר שטייען ניט מיטן פּנים צום פּאַלאַץ, די זיינען אזעלכע, וואָס זייער אמונה איז אַן אמונת שוא; די וואָס ווילן אַריינקומען אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, נאָר דעם פּאַלאַץ האָבן זיי ניט געזען, די זיינען די עמי הארצים וועלכע וויסן נאָר פון מצוות... די אָבער וואָס קו־מען אַריין אין פּאַלאַץ און שפּאַצירן אין אַלע זיינע ווינקעלעך, די זיינען די רעכטע מאמינים...

דער וואָס וויל וויסן יעדע זאַך אויף ריכטיק, דאַרף זיך גע־פינען מיטן קעניג אין זיין פּאַלאַץ.

„דוד האָט אָנגעזאָגט זיין זון שלמה — זאָגט דער רמב"ם — „דע את אלהי אביך ועבדהו", די עבודה דאַרף קומען נאָך דער ידיעה, און נאָך דער ריכטיקער השגה. ניט קיין מעשה אָן שכל...

און דעריבער באַשטימט ער, אַז דער רוב פון מענטשן זײנען ניט קײן מענטשן על צד האמת און מען קאָן זיך צו אַזעלכע מענטשן ניט פאַרהאַלטן װי צו מענטשן, נאָר װי צו חיות און בהמות.

הלל צײטלין איז ניט צופרידן פון אַזאַ פאַרהעלטעניש צו מענטשן און באַקלאָגט זיך אױפן רמב״ם װאָס ער האָט מותיר געמאַכט צו דערשלאָגן אַן עבד כנעני װען ער האָט אױף זיך גישט גענומען צו מקײם זײן די שבע מצװת, װאָס א בן נח איז מחױב צו מקײם זײן. און מיטן אמת געזאָגט, איז ניטאָ װאָס זיך צו באַקלאָגן. אין די שבע מצװת זײנען אַרײנגערעכנט לא תרצח און לא תנאף, און אַזעלכער װאָס איז ניט נזהר אין זײ, איז שעדלעך צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, און ער װערט פאַררעכנט װי אַ געפערלעכע חיה װאָס מען מוז זי טױטן. הלל צײטלין איז אױך געגן דער דעה פונם רמב״ם, אַז דאָס „שלימות" פון אַ מענטשן איז אָפּהענגיק אין „מדע", און װײל האָבן אַז ניט די מדע ברענגט צו שלימות, נאָר מעשים טובים; אָבער איז דען די כונה פון רמב״ם געװען אַז דער גדול אין מדע קאָן זײן אױך אַ נישטיקער אין מעשים טובים? דער רמב״ם װײל האָבן אַז די מדע איז אױף א העכערער מדרגה פון מעשים, װײל נאָר די מדע ברענגט צו מעשים טובים.

זאָגט דאָך אױך דער נביא: אביך הלא אכל ושתה, ועשה משפט וצדקה ואז טוב לו, וכו' הלא היא הדעת אותי נאום ד'. (דײן פאָטער האָט געגעסן און געטרונקען, און געטון משפט און צדקה און דערמאָלט איז אים גוט, װען ער פאַרשטײט מיך...) און דאָס איז דאָך פונם נביא דײטלעך אָנגעװיזן, אַז אױך משפט און צדקה מוז אָנגײן מיט „דעת". דער רמב״ם אַלײן דערקלערט אַז מעשים און מדות זײנען בשלמות װען קײן דעות זײנען ניטאָ. װײל: „אם אין דעת הבדלה מנין", װען ס'איז ניטאָ קײן דעת קען מען ניט אונטערשײדן פון גוטס ביז שלעכטס.

קאפיטל י"ב.

דעם רמב"מ'ס השפעה
אויף די נאָך אים קומענדיקע פוסקים

אַ גרויסע השפעה האָט געהאַט דעם רמב"מ'ס משנה תורה אויף דער ליטעראַטור פון די נאָך אים קומענדיקע פוסקים. אַלע זייַנען געווען געצוואונגען צו באַנוצן זיך מיט זיינע פסקים. אפילו זיינע גרעסטע מתנגדים האָבן ניט געקאָנט פאַרשווייגן דאָס קאָלאָסאַלע ווערק „משנה תורה" אין וועלכן דער רמב"ם האָט געמאַכט אַ סך הכל און אַ מסקנה פון דער תלמודישער ליטעראַטור. זיינע גוטע פריינט האָבן עס אָנגענומען מיט דער גרעסטער ליבע און גרויסן רעספּעקט, און האָבן זיך סומך געווען אויף זיינע רייד אָן דעם מינדעסטן צווייפל; זיינע געגנער האָבן עס אָנגענומען מיט האַרץ־קלאַפּעניש, מורא האָבנדיק טאָמער וועלן זיי אַ חלק פון זיין פילאָזאָפיע — וועלכע זיי האָבן געהאַסט — אריינברענגען אין זייער שרייבן. אַ טייל פוסקים האָבן זיך אויך באַנוצט מיט זיין סטיל. אַממערסטן האָט זיך באַנוצט מיטן רמב"מ'ס סטיל דער בעל שלחן ערוך; כמעט אַ דריטל פון זיין חבור איז אַ העתקה פונם רמב"ם. איינס קאָן אָבער געזאָגט ווערן אַז קיין איינציקער פוסק, וועלכער האָט צוזאמענגעשטעלט הלכות אויף פאַרשידענע אופנים, האָט זיך ניט געהאַלטן אים סדור פונם רמב"ם אין משנה תורה (דר. חיים טשערנאָוויץ). דער רמב"ם איז פאַרבליבן ווי אַ ספינקס, שטייענדיק אויף א הויכן באַרג... צופיל רעספּעקט האָבן אלע, סיי זיינע פריינט און סיי זיינע געגנער, געהאַט צו אים און ניט געוואָלט אָננעמען זיין דמות...

„די טענה וואָס די עקסטרעמע געגנער האָבן געהאַט צו אים, אַז דורך דער משנה תורה וועט פאַרגעסן ווערן די הלכה — זאָגט דער רב צעיר — איז אַ לעבערלעכע, ווען מיר זען דעם דערפאָלג וואָס זיין משנה תורה האָט געהאַט. ס'האָט נאָך קיין ספר אַזוי פיל ניט גורם געווען דאָס פאַרשפּרייטונג פונם תלמוד ווי דער ספר משנה תורה, און ס'איז ניטאָ קיין איין דור וועלכער האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל גדולים און פוסקים, וואָס באַהאַנדלען די הלכה, ווי דער דור נאָכן רמב"ם, און דער שווער־פונקט פון אַלע זייערע חבורים איז געווען די משנה תורה פונם רמב"ם. אַ טייל גדולים האָבן משיג געווען אויף איר, אַ טייל האָבן זי פאַרענטפערט און אַ טייל האָבן געמאַכט אַ פשרה, און דורכדעם איז די הלכה געלייטערט געוואָרן".

איך האָב ווי ווייט מיר איז געלונגען פאַרצייכנט דאָס גייסטיקע געשטאַלט פונם רמב"ם וועמעס אכט הונדערטסטן יובילעאום ווערט דאָס יאָר געפייערט, און איך וועל צום לעצט ציטירן די ווערטער פון דר. בערנפעלד, זיינע באַמערקונגען אויף דעם רמב"מ'ס פילאָזאָפישער שיטה.

„דער רמב"ם—זאָגט ער—האָט פאַרגעטערט אַריסטאָטעלעס פילאָזאָפישע שיטה און זי געוואָלט אויסנוצן אינגאַנצן אין זיינע פילאָזאָפיש־טעאָלאָגישע ווערק; נאָר אַרויסזעענדיק אַז אַ טייל חכמים פון זיינע צייט־גענאָסן שרעקן זיך פאַר אַריסטאָטעלעס שיטה, וועלכע איז סותר—נאָך זייער מיינונג—די פּרינציפּן פון תורת ישראל, האָט דער רמב"ם דערקלערט די זעלבע מיט אייניקע אויסנאַמען צו דער פילאָזאָפיע פון גריכישן פילאָזאָף, דאָרט וואו ער האָט פאַרשטאַנען אַז זי איז געגן די עיקרי היהדות. ער איז ניט אימשטאַנד געווען—זאָגט דר. בערנפעלד—אינגאַנצן זיך צו באַפרייען פון דער אַריסטאָטעלישער השפעה. און מערקווירדיק, אין די צייטן פון שלמה בן גבירול האָט אויך אויסגעבראָכן אַ מחלוקת וועגן דער גריכישער פילאָזאָפיע. שלמה בן גבירול'ס שטה—זאָגט ער ווייטער—איז סותר ניט נאָר דעם באַגריף פון מאָנאָטעאיזם פונם יהדות, נאָר אויך צום אַלגעמיינעם באַגריף פון דעם זעלבן, און דאָך איז קיין מחלוקת ניט

אַנטשטאַנען קעגן אים וועגן זיין פּאַנטעאיסטישער לערע*). און איבער דעם רמבּ״מ׳ס לערע, וועלכער האָט זיך באַנוצט — ווען ער האָט פאַרשטאַנען—מיט אַריסטאָטעלעס שיטה, האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת ניט נאָר ביי זיין לעבן, נאָר אויך אַ לאַנגע צייט נאָך זיין טויט״. כאָטש דר. בערנפעלד איז אין איניקע פּרטים ניט צופרידן מיטן רמבּ״מ׳ס שיטה, פונם טעאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכן שטאַנד־פּונקט, קריטיקירט ער אָבער שאַרף די וועלכע האָבן געוואַגט אָנ־רופן דעם רמבּ״ם „כופר און מין״, און זיינען אַרויס מיט אַ חרם געגן די וואָס לייענען זיינע וויסנשאַפטלעכע ספרים. ער, דער רמבּ״ם מיט דער גאַנצער אַריסטאָטעלישער פילאָזאָפיע, מיט וועלכער מען קען ניט זיין איינשטימיק, האָט ער דאָך געאייפערט וועגן „קיום הנצחי״ (אייביקע עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק) און די אידישע תורה.

איך האָב געבראַכט דאָ די מיינונג פון דר. בערנפעלד, וועלכער האָט געאורטיילט דעם רמבּ״ם פון זיין וויסנשאַפטלעכן שטאַנד־פּונקט. אויך דער חכם הלל ציטלין ווייזט אַרויס אומצופרידנקייט מיטן רמבּ״מ׳ס שיטה, ווי מיר האָבן אויבן דערמאַנט. אָבערביידע היטן זיך אָנצורירן זיין כבוד. ביידע דערמאַנען אים מיטן גרעסטן רעספּעקט און דרך ארץ צו דעם גרויסן, געניאַלן, אַלזייטיקן וויסנ־שאַפטסמאַן און פילאָזאָף.

איך שליס די פאַרצייכענונג מיט די ווערטער: אויף דעם תורה־אַלטאַר האָט דער רמבּ״ם מקריב געווען זיין קערפּער צוזאַמען מיט זיין נשמה. דער רמבּ״ם האָט קיין מאַטעריעלע הנאה פון זיין תורה נישט געהאַט. און אַזוי דריקט ער זיך אויס אין זיין משנה תורה: „ווער עס פאַרנעמט זיך צו לערנען תורה, ניט וועלנדיק זיך באַ־שעפטיקן מיט וועלכער ס׳איז מלאכה און נאָר לעבן פון צדקה, איז ער מחלל גאָטס נאָמען און שענדעט די תורה, ער פאַרלעשט דאָס ליכט פונם דת און ברענגט אויף זיך דאָס שלימסטע און דאָס ערגסטע, און קען ניט האָפן אויף עולם הבא. ווייל מען טאָר קיין הנאה ניט האָבן פון דער תורה אויף דער וועלט.

*) פּאַנטעאיזם — אַז גאָט און די וועלט איז איינס.

דער סוף פון אַזאַ מענטשן איז צו ווערן אַ „מלסטם את הבריות”...

צו זיין תלמיד ר׳ יוסף אבן עקנין, וועלכער האָט געוואָלט גרינ־ א ישיבה אין באַגדאַד, שרייבט ער: „איך וויים אַז נאָכדעם ווי דו וועסט אויף זיך נעמען דעם עול פון תורה, וועסטו דאָך זיך ווייניקער צייט אָפּגעבן מיט מסחר, גיב איך דיר מיין עצה, זאָלסט פאַר דיין תורה קיין שכר ניט נעמען, פאַר מיר האָט מער די ווערט איין דראַכמע וואָס מען פאַרדינט פון וועבעריי, פון שניידעריי און פון סטאָלעריי, ווי די גרויסע פאַרדינסטן וואָס מען באַקומט פון ראש הגולה... וועסטו נעמען פון אים, וועסטו זיך אַליין מבזה זיין. און איך ראַט דיך זאָלסט אָנגיין מיט משא־ומתן, און מיט דער מעדיצינישער וויסנשאַפט, כדי דיין באַשעפטיקונג אין דער תורה זאָל זיין על דרך האמת”.

ר׳ משה בן מיימון איז נפטר געוואָרן צוואַנציק טאָג אין טבת שנת ד.תתק”ס”ה, דעם 13־טן דעצעמבער 1204.

אויף זיין מצבה איז אויפגעשריבן געוואָרן די ווערטער:

„אדם — ולא אדם, ואם אדם היית — ממלאכי רום אמך הרת,
או אומרה לאל: באין איש ואשה מלאך בעולם תחתון בראת”.

און געקומען איז זיינער אַ געגנער וועלכער האָט זיך גערופן שלמה הקטן, און אָפּגעמעקט די ווערטער, און אָנגעשריבן די שענדלעכע ווערטער: „פה טמון משה בן מיימון המוחרם והמין”...

און דאָ איז צו זען די עקסטרעמען וועלכע האָבן געהערשט צו יענער צייט אין דער שיטה פונם וויסן דאָס יהדות. דער תהום וואָס האָט זיך געשאַפן צווישן די פאַרטייען פון די ראשי אבות ביי אידן און דאָס מחלוקת וואָס האָט אָנגעהאַלטן וועגן אים אויך נאָך זיין טויט. וועגן דעם מחלוקת וואָס האָט פאַראורזאַכט ניט ווייניק שאַנד און חלולים השם און אויך שרעקלעכע צרות פון בזיון פון די יעזואיטישע דאָמיניקאַנער צוליב דער מסירה פון אונזערע אייגענע גדולים אויפן רמב”מ׳ס ספרים, ווערט געשריבן אינם לעצטן קאַפּיטל.

קאפיטל י"ג.

נאָך דעם רמב"מ'ס טויט

דאָס פאָלק האָט נאָך דעם רמב"מ'ס פּטירה פאַרשטאַנען ווי אָפּצושאַצן דעם גרויסן פארלוסט וואָס עס האָט געליטן. ווי משה בן עמרם האָט צופאַר מיט צוויי טויזנט פיר הונדערט יאָר פאַטריבן מיט זיינע ליכטיקע שטראַלן דאָס חשכת מצרים וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין פאָלק, אַזוי האָט משה בן מיימון מיט זיין תורה און חכמה פאַרטריבן דאָס פינצטערניש, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון דעם פאָלק און עס פאַרפינצטערט.

ניט לאַנג אָבער האָט אָנגעהאַלטן דאָס ליכטיקייט. נאָך דעם רמב"מ'ס פּטירה האָבן פינצטערע וואָלקנס פאַרשפּרייט זייערע שוואַרצע פליגל איבערן אידישן הימל און עס האָט אָנגעיאָגט אַ שרעקלעך פינצטערניש.

דאָס פאָלק איז צעריסן געוואָרן און זיך צעטיילט אויף צוויי פיינטלעכע לאַגערן און דערמיט געגעבן אַ געלעגנהייט דער קאַטוי־לישער קליקע אַריינצורייסן זיך ווי ווילדע חיות איןביידע לאַגערן און פאַרשאַפן די גרעסטע אכזריותדיקייטן.

צו יענער צייט איז געווען דער פאַרטרעטער פון פעטערס טראָן, דער פויפּסט אינאָצענטי דער דריטער, דער גרעסטער אכזר צווישן די פויפּסטן, וועלכע זיינען פאַר אים געווען. ער האָט איינגעפירט די אינקוויזיציע געגן די כופרים, וואָס האָבן געלייקנט אין זיין הייליקייט, און זעלבסטפאַרשטענדלעך אַז מער פון אַלע האָבן אידן געליטן. און אַ כלל האָבן מיר דאָך אין לעבן, אַז ווען אַ צרה קומט אויף אַ יחיד אָדער אַ רבים, קומט זי ניט אַליין, נאָר שלעפּט מיט

מיט זיך נאָך צרות און אומגליקן. צו די פֿיל צרות וואָס זיינען געקומען אויפֿן פֿאָלק פֿון דעם אכזר אינאָצענטי, איז נאָך געקומען די צעריסנקייט — ווי שוין געזאָגט — מיט די געשאַפֿענע פֿיינטלעכע לאַגערן, און די הויפּטשולדיקע אין דער שפּאַלטונג זיינען די קנאים, די שאַרפֿע געגנער פֿונם רמב״ם. אַזוי לאַנג דער רמב״ם האָט געלעבט, האָבן זיי נאָך געהאַט בושה אַרויסצוטרעטן מיט חוצפּה געגן אים. זיי האָבן דאָך זיך ניט געקענט פּאַסן אויף צו מחלל זיין זיין כּבוד מיט באַליידיקנדע ווערטער, אויסער אַ פּאָר פֿון זיי — ווי ס׳איז שוין אויבן דערמאָנט געוואָרן—זיינען זיי געווען ווי די פֿלעדער-מייז, אָנגעגאַנגען מיט קנאיתדיקע אָנפֿאַלן אין דער פֿינצטער. נאָך זיין טויט אָבער, זיינען זיי אַרויס אָן בושה, אָן דרך ארץ פֿאַר דעם אָנדענק פֿונם גרויסן געניאַלן נפֿטר, און זיך צעיאָמערט אַז דעם רמב״מ׳ס ספֿרים זיינען אַ סכּנה פֿאַר דער ריינער אמונה. די שיטה פֿונם רמב״ם לייקנט אָפּ אַלע נסים וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין די כּתבֿי הקדש. אַממערסטן האָבן זיי זייערע אָנפֿאַלן געמאַכט אויפֿן „מורה נבוכים״, וועלכער גיט אָן טעמים צו אַלע מצוות, און אויך וועגן זיין לייקענען אין שדים, רוחות און כּשוף. און דאָס מחלוקת איז אָנגעפֿירט געוואָרן מיט פֿאַרביטערטקייט און שנאה. פֿון איין זייט די פֿאַרטיידיקער, בײ וועלכע דער רמב״ם איז פֿאַר זיין חכמה פֿאַרגעטערט געוואָרן, און פֿון דער צווייטער זייט די קנאים וועלכע האָבן אים פֿאַררעכנט פֿאַר א פּורץ גדר און פֿאַרפֿירער.

דער הויפּט פֿון די קנאים-מתנגדים איז געווען רבי מאיר הלוי אַבולאַפֿיא, דער פֿאָרשטייער פֿון דער אידישער קהלה אין טאָלעדאָ. ער איז אַרויס מיט חרופֿים און גדופֿים אויפֿן רמב״ם ניט נאָר וועגן דעם „מורה נבוכים״, נאָר אויך וועגן זיין „יד החזקה״. געגן אים איז אַרויסגעטרעטן ר׳ אהרן בן משלם פֿון די חכמים פֿון לונעל און האָט אים שאַרף אויסגערעדט פֿאַר זיין עזות אָנצופֿאַלן דעם „יחיד הדור״, וועלכער האָט ניט זיין גלייכן פֿון די צייטן פֿון רבינא און רב אשי; ער האָט אים איבערגעוויזן אַז דער רמב״ם איז ניט געווען דער ערשטער, וועלכער האַלט ניט פֿון פּשוטן פּשט פֿון די אגדות, אויך רב סעדיה און רב האי גאון האָבן געצווייפֿלט אין דער פּשטות פֿון דער אגדה. אויך דער נשיא רב ששת בנבנשתי (בענווענישטע)

פון באַרצעלאָנא האָט זיך אויסגעלאַכט פון רבי מאיר׳ס קנאות, און אָנגעשריבן וועגן אים דעם שיר:

שאלוני ידידי, איך יכונה
בשם „מאיר" והוא הולך חשכים?
השיבותים: כבר קראו חכמים
ללילה אור והוא מן ההפכים.
געפרעגט האָבן מיך מיינע פריינט:
ווי קען מען רופן אים מאיר־ליכט?
ער איז דאָך צום ליכט אַ פיינט.
געענטפערט האָב איך: מיט גאַנץ רעכט,
ווייל אויך דער תלמוד האָט ניט שלעכט
אָנגערופן דאָס פינצטערניש מיטן נאָמען ליכט.

דער עקסטרעמער קנאי ר׳ מאיר האָט אויף דער בייסנדער קריטיק פון רב ששת בנבנשתי קיין אַכט ניט געלייגט און ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיינע אָנפאַלן. אויך אין די מזרח-לענדער האָט אויסגעבראָכן דאָס מחלוקת איבערן רמב״ם. דער רב שמשון פון שאנץ, איינער פון די בעלי התוספות, וועלכער איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל, און רבי דניאל הבבלי, אַ תלמיד פון רבי שמואל בן עלי פון באַגדאַד, האָבן פאַרפירט אַ מלחמה געגן רמב״מ׳ס ספרים. רבי יוסף אבן ענקין, דעם רמב״מ׳ס אַ תלמיד, צוזאַמען מיט אַלע זיינע חברים, דעם רמב״מ׳ס פריינט, האָבן זיך געווענדעט צו ר׳ אברהם, דעם רמב״מ׳ס זון, ער זאָל אַריינלייגן אין חרם די קנאים. ר׳ אברהם אָבער, וועלכער איז געווען אַזאַ עניו ווי זיין פאָטער, האָט געענטפערט ר׳ דניאל׳ן די ווערטער:

„ס׳איז ניט פאַר מיין כבוד און דער כבוד פון מיין פאָטער דאָס צו טון, ס׳זאָל דערפון ניט אַרויסקומען אַ גרויסער חלול השם; מיר דאַרפן זיך האַלטן אין די רייד פון אונזערע חכמים וועלכע זאָגן: „אַ מענטש זאָל ניט האָבן קיין דין ניט מיט קיין פריינט און ניט מיט קיין פיינט".

ר׳ אברהמ׳ס ענטפער האָט ניט באַרואיקט דעם רמב״מ׳ס פריינט און פאַרערער און זיי האָבן זיך געווענדעט צו רבי דוד נשיא

אין מאסול אַריינצוזלייגן אין חרם רבי דניאל. און רבי דוד האָט זייער פאַרלאַנג דערפילט און האָט מחרים געווען רבי דניאל וועל־כער האָט זיך פונם חרם אַזוי פיל געערגערט אַז ער איז קראַנק גע־וואָרן און איז געשטאָרבן אין דמשק. די טרויעריקע ענדע פון רבי דניאל האָט איינגעשטילט די קנאים אין אָריענט און זיי זיינען מער ניט אַרוים מיט קיין אָנפאַלן.

אין אייראָפּע אָבער האָט דאָס מחלוקת אָנגעהאַלטן. רבי שלמה פון מאָנפּעלער, אַ תּלמיד פון רבי יהודה החסיד, האָט אָנגענומען די אָפּענסיווע קעגן דעם רמב"מ'ס ספרים. ער האָט חושד געווען דעם רמב"ם אַז זיינע ספרים האָבן געבראַכט צו אַסימילאַציע ביי די שפּאַנישע אידן. מערערע פון זיי האָבן חתונה געהאַט פאַר קריסטלעכע פרויען; אויסער דעם איז ער געווען אַ גרויסער מאמין אין [redacted] פון גאָט, דאָס וואָס דער רמב"ם האָט אייפריק באַ־קעמפט. ער האָט אויך געגלויבט אין שכר ועונש, אין גן עדן און גיהנום ווי עס ווערט געשילדערט לעגענדאַריש אין די אגדות פון תּלמוד; ער האָט אויך געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון שדים און געהאַלטן פאַר אַן עיקר אין די עיקרים פונם דת, און גלויבנדיק אויף דער אַרט, האָט ער גערעכנט דעם רמב"מ'ס דעות וועגן די אַלע אויסגערעכנטע זאַכן פאַר מינות און כפירה. און ער צוזאַמען מיט צוויי פון זיינע תּלמידים, רבי יונה און רבי דוד, האָבן דער־קלערט אַ חרם אויפן ספר המורה און המדע, און אויף אַלע וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט פילאָזאָפיע. די חכמי צרפת פון די בעלי התוספות זיינען געוואָרן די אָנהענגער נאָך מיט מער אייפער אויף מחרים זיין דעם רמב"מ'ס ספרים.

דער שטרענגער חרם האָט אויפגערעגט די געמיטער פונם רמב"מ'ס פאַרערער און די פאַרשטייער פון די דריי קהלות: לונעל, באַדראַש און נאַרבאָנאַ וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען און מחרים געווען ר' שלמה'ן מיט זיינע צוויי תּלמידים, און צעשיקט בריוו צו אַלע אידישע קהלות, אויפפאָדערנדיג זיי, אַז זיי זאָלן רעמן דעם כבוד פון דעם גרויסן געטלעכן מאַן רבי משה בן מיימון.

דאָס מחלוקת איז אָנגעגאַנגען מיט שנאה און האָס, כמעט ביז בלוט־פאַרגיסונג. און עס האָט זיך געענדיקט ערשט דעמאָלט, ווען

די צוויי גדולים, רבי דוד קמחי (רד״ק) און רבי משה בן נחמן (רמב״ן) וועמעס כבוד איז בײַ אַלע, סיי בײַ די געגנער און סיי בײַ די פֿאַרערער, טייער געווען, זײַנען אונטערגעקומען. זיי האָבן דאָס מחלוקת אײַנגעשטילט.

אָבער דאָס שטילקייט איז געווען ווי דאָס שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם. רבי דוד קמחי, ניט קוקנדיק אויף זײַן הויכע עלטער, זיך אָננעמענדיק פֿאַרן כּבוד פֿונם רמב״ם, האָט זיך געלאָזט פֿאָרן קיין טאָלעדאָ, די הויפּט־שטאָט פֿון קאַסטיליע, ער זאָל באַוועגן דעם נשיא פֿון דער אידישער קהלה רבי יהודה אלפאכאר, דער באַרימטער דאָקטאָר, צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע חכמים פֿון טאָלעדאָ, זיי זאָלן אַרויסטרעטן מיט אויטאָריטעט געגן די קנאים. ר׳ דוד קמחי איז אָבער אויפֿן וועג קראַנק געוואָרן און ניט קענענדיק פֿאָרזעצן זײַן רייזע, האָט ער דעם נשיא מיט אַ בריוו אויפֿגעפֿאָדערט, ער זאָל זײַן אויטאָריטעטס־וואָרט אַרויסזאָגן, אַז ס׳זאָל נעמען אַן ענדע צו דעם מחלוקת; ווי פֿאַרוואונדערט איז ער אָבער געוואָרן, ווען ער האָט פֿון דעם נשיא באַקומען אַ פֿאַרוואורף, פֿאַרוואָס ער פֿאַרטיידיקט דעם רמב״ם, וועלכער איז באַגאַנגען אַ פֿאַרברעכן צו פֿאַראייניקן תורה מיט חכמה... וועלכע קענען ניט האַרמאָנירן צוזאַמען. ער איז אויך אָנגעפֿאַלן אויף בן תיבון, וואָס האָט איבערזעצט דעם „מורה״ אויף העברעאיש. און ר׳ שלמה׳ן מיט זײַנע צוויי תּלמידים האָט ער געגעבן אַ יישר כּח פֿאַר זייער אַרויסטריט.

דאָס אויסגעבראָכענע הייליקע מלחמה־פֿייער האָט זיך פֿאַרשפּרייט און איבערגעגאַנגען פֿונם אידישן לאַגער אינם קאַטוילישן. די דאָזיקע מלחמה האָט אָנגעצונדן אַ שרעקלעכע שנאה וועלכע האָט דאָס גרעסטע אומגליק געבראַכט דעם אידישן פֿאָלק, סיי פֿיזיש און סיי גייסטיק.

גריגאָר דער צענטער, דער פּויפּסט אין רוים, האָט נאָכן ענדיקן זײַן מערדערישע אַרבעט אויסצוראָטן די אַלביגענזישע כּופֿרים, זיך פֿאַרנומען אויך צום מענטשלעכן שכל און גייסט; אין מאָנאַט אַפּריל 1233 האָט ער אײַנגעפֿירט אַן אינקוויזיציע אויף ספֿרים, וועלכע ער האָט חושד געווען אַז זיי אַנטהאַלטן אין זיך מינות און

אפּיקורסות. דעם צענזור־אַמט האָט ער איבערגעגעבן די דאָמיניקאַני־שע יאַגד־הינט פון די קאַטוילישע גייסטלעכע. אויך אין דער שטאָט מאָנפּעלער, דאָרט וואו דער קנאי ר׳ שלמה האָט געוואוינט, האָט ער געגרינדעט אַן אינקוויזיציע צו משפּט׳ן די קריסטן וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַרדאַכט אויף זיך פון ניט אַנערקענען דאָס פּויפּסטלעכע הייליקייט, און אויך דן זיין לשרפה די אפּיקורסישע ביכער. און אָט צו די אינקוויזיטאָרישע מערדער האָבן זיך געווענדעט דער פינצ־טערער קנאי שלמה און זיין תלמיד ר׳ יונה פון געראָנדע, מיט פאָלגנדן בריוו:

„איר האָט זיך פאַרנומען אויסצורוימען און פאַרניכטן אַלע אפּיקורסישע ביכער וואָס געפינען זיך ביי אייך, קריסטן. און פאַר־וואָס פאַרהוילט איר אייערע אויגן פון די כפירה ספרים וואָס גע־פינען זיך ביי אונז, מערערע קינדער פון אונזער פאָלק זיינען גע־וואָרן כופרים און אפּיקורסים דורך די ביכער פונם מיינונידוס, דער מצרי... וועלכע זיינען פול מיט כפירה, און ווען איר רוימט אויס אייערע אַזעלכע ביכער, רוימט אויך אויס דעם „המורה״ און „המדע״.

ווען די יעזואיטישע מאָנאַכן האָבן אַזעלכע ווערטער דערהערט, זיינען זיי ווי יאַגד־הינט אַרויפגעפאַלן אויף דער מציאה וואָס איז זיי געקומען בהיסח הדעת און דער פראַנצויזישער קאַרדינאַל האָט גלייך אַ באַפעל געגעבן איבערצופאַלן אידישע הייזער און אַרויסנע־מען פון דאָרט אַלע ביכער פונם רמב״ם, און זיי פאַרברענען עפנטלעך אין די גאַסן. און ר׳ יונה, ר׳ שלמה׳ס תלמיד, האָט זיך משתדל גע־ווען פאַר די גלחים אין פּאַריז, מען זאָל זיי דערלויבן צונויפנעמען די אַלע ביכער פונם רמב״ם און זיי פאַרברענען פאַר דער שול, און זיי האָבן מיטן פייער וואָס זיי האָבן גענומען פונם נר תמיד אין שול, אָנגעצונדן און פאַרברענט דעם רמב״מ׳ס ספרים.

די נידערטרעכטיקע האַנדלונג פון די קנאים רבי שלמה און רבי יונה האָט ביז גאָר אויפגערעגט די „שלומי אמוני ישראל״, און פאַרשאָלטן די זעלבע מיט קללות און חרמות. ר׳ משה בן נחמן (רמב״ן) און רבי מאיר הלוי פון טאָלעדאָ האָבן אַרויסגעלייגט אַ

שרעקלעכן חרם אויף ר׳ שלמה מיט זיינע תלמידים.

דעם רמב״מ׳ס פאַרערער האָבן ניט גערוט, ביז זיי האָבן דער־לעבט אַ נקמה אין די קנאים. דער קעניג יאַקאָב פון אַראַגאָניע האָט איינגעוויליקט אויף זייער פאָדערונג צו אונטערזוכן די בלבולים וואָס די קנאים האָבן אויף זיי געמאַכט און נאָכדעם ווי די עדות זיינען געפונען געוואָרן פאַר פאַלשע, זיינען פון צען עדות די צונגען אויס־געשניטן געוואָרן... ר׳ אברהם, דער רמב״מ׳ס זון, דער פאָרשטייער פון די אידן אין עגיפּטן, האָט פיל געטרויערט אויף זיין פאָטערס כבוד וואָס איז פאַרשוועכט געוואָרן.

דאָס מחלוקת האָט געדויערט ביז ס׳איז אָנגעקומען אַ גרעסערע צרה אויף אידן.

לודוויג דער נייינטער, דער קעניג פון פראַנקרייך, האָט אַרויס־געלאָזט אַ באַפעל, אַז אַלע ספרי התלמוד וואָס געפינען זיך אין גאַנץ פראַנקרייך זאָלן פאַרבּרענט ווערן, און דער איד וואָס וועט ניט וועלן אַרויסגעבן די ספרים, זאָל אויסגעוויזן ווערן פון לאַנד.

24 וועגענער פול מיט ספרי התלמוד זיינען אין איינעם פון די מאַרקן אין פּאַריז אַרויסגעפירט געוואָרן און פאַרבּרענט געוואָרן, פאַר די אויגן פון אַלע איינוואוינער, אויף דער אַרט ווי ס׳איז פאָר־געקומען מיט די ספרים פונם רמב״ם. אין דעם האָבן די קנאים גע־זען אַ שטראָף פון גאָט.

דער גרעסטער קנאי, רבי יונה, האָט שטאַרק חרטה געהאַט, און בפני עם ועדה זיך מתודה געווען אויף זיין זינד וואָס ער איז באַגאַנגען. און אַ נדר געטון צו קומען קיין ארץ ישראל און זיבן טעג זיך לייגן אויפן רמב״מ׳ס קבר. וועלכער געפינט זיך נעבן דער שטאָט טבריה.

ביי זיין ודוי האָט ער זיך מיט די ווערטער אויסגעדריקט: „איך שלאָג זיך אין הארצן און האָב גרויס חרטה וואָס איך האָב מיין מויל געעפנט מיט אַ לעסטערונג קעגן רבנו הקדוש רבי משה בן מיימון און זיינע ספרים. איך בין מודה מיטן גאַנצן הארצן און זאָג: משה אמת ותורתו אמת, און מיר זיינען די ליגנער...״

ווען ר׳ יונה איז געוואָרן אַ בעל תשובה, האָט ער פאַרפאַסט צוויי ספרים: „אגרת התשובה״ און „שערי תשובה״.

רבּנו יונה האָט לאַנג ניט געלעבּט נאָך דער ווידוי און זיינע חברים האָבּן אין דעם געזען אַן עונש וואָס ער האָט ניט מקיים געווען זיין נדר צו קומען קיין ארץ ישראל צו בּעטן מחילה אויפן רמבּ״מ׳ס קבר.

פון יענער צייט אָן איז דער רמבּ״מ׳ס נאָמען פאַרהייליקט געוואָרן בּיי אַלע אידן.

אַכט הונדערט יאָר זיינען שוין פאַריבּער, און דאָס גרויסע ליכט וואָס רופט זיך רמבּ״ם, ניט נאָר ס׳איז ניט פאַרלאָשן געוואָרן, נאָר ס׳לייכט נאָך העלער און ליכטיקער.

אינהאַלט:

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — 3—
קאַפּיטל א. — דעם רמב"מ'ס געבורט — — — — — 5—8
קאַפּיטל ב. — דעם רמב"מ'ס מיינונג וועגן מאַכמעדאַ־
ניזם און קראִים — — — — — — — — — — 9—12
קאַפּיטל ג. — דער רמב"ם און אַריסטאָטעלעס — — — 13—19
קאַפּיטל ד. — דעם רמב"מ'ס ליידן — — — — — — — 20—24
קאַפּיטל ה. — דעם רמב"מ'ס וויסנשאַפט אין חכמת
היהדות, דער „יד החזקה" אָדער „משנה תורה" 25—27
קאַפּיטל ו. — דעם רמב"מ'ס מתנגדים — — — — — 28—30
קאַפּיטל ז. — קאָן מען באַשולדיקן דעם רמב"ם פאַר־
וואָס ער האָט נישט געשריבן זיינע חבורים,
אויסער משנה תורה, אין העברעאיש? — — — 31—33
קאַפּיטל ח. — דעם רמב"מ'ס פאַמיליע־לעבן. זיין מע־
דיצינישע פּראַפעסיע — — — — — — — — 34—36
קאַפּיטל ט. — דעם רמב"מ'ס ספרים אויף פאַרשידענע
געביטן — — — — — — — — — — — — 37—40
קאַפּיטל י. — דעם רמב"מ'ס טעאָלאָגישע פילאָזאָפיע
און זיין ספר „מורה נבוכים" — — — — — — 41—43
קאַפּיטל י"א. — דער מקור פון רמב"מ'ס הלכות און
זייער סדר — — — — — — — — — — — — 44—49
קאַפּיטל י"ב. — דעם רמב"מ'ס השפעה אויף די נאָך
אים קומענדע פּוסקים — — — — — — — — 50—53
קאַפּיטל י"ג. — נאָך דעם רמב"מ'ס טויט — — — — 54—61